STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00326

SHRIFTEN

Morris Rosenfeld

Permanent preservation of this book was made possible by
Dr. Hershel & Lois Sandberg
in memory of
Dora & Isadore Brown

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די אינטערנאַציאָנאַלע ביבליאָטהעק.

THE WORKS OF MORRIS ROSENFELD VOL. IV

שריפטען

פון

מאררים ראזענפעלד

פיערטער באנד

(פאָעזיע)

ארויסגעגעבען פון

די אינטערנאציאָנאלע ביבליאָטהעק פערלאג קאָמפ.

ניו־יאָרק.

Copyright, 1910.
By The International Library Publishing Co.

אינהאַלטס־פערצייכניס:

הימעל און ערד.

אנפאנג פריהלינג 7
פריהלינג 11
אויפ'ן פעלד 15
צו א ווערבע 16
נאַטור און מענש 20
א טאג 22
אויף די קעטסקיל בערג 25
נקמה אַן דער זון 28
צו טיעף 31

ארבייטער נגונים.

דאָס אַלטע ליעד 34
אין מיטען נאַכט 38
צום ערשטען מאַי 41
דעם ליעד פון בעזים 42
דאָס ליעד פון די רויטע פאָהן 43
פון נייעם גלות 45
יוביאָן 48

א מאַטראָז 49
אלץ איינס 51
גלגולים 53
אויף א פעראורטיילטען מיליאנער 57
צום ארב־יטער 58
פרויען שטימרעכט 59
פארוואָס ? 60
פאָעזיע און לעבען 61
אייביגע קולות 65
דער טויטער מאַטראָז 66
לינקאָלן 67

נאציאנאלע הארפע.

דער איד צו קריסטוס 70
צו די פאָגראָם קרבנות 71
ויחד... 74
„ז'שאַ קיוז" 76
פערזינדיגט 77
ציון 82
על נהרות בבל 83
צום וואנדער־שטאָב 86
אין גלות 87
גלות 88
דער שופר 89
הערצל 90
פאַרמער 91

א פלוך אויף דמשק 92
דאוונען 94
ישראל 95
די סוכה 96
שפראך 98
שלאָפלאָזע נאַכט 99
אויף די ערמארדונג פון פ... 101
דער „פתח“ מיט׳ן „קמץ“ 103
אונשטערבליכקייט 105
צום אתרוג 107
צוויי בעכער 110
א שמחת־תורה טענציל 113
אלטע פריינד 116

מיט׳ן ליעבעם גאָט.

אויפ׳ן טייך 122
פראגמענט 124
טראַגעדיע 125
די טויטע וועלט 126
צו אַ פויגעל 128
צו 129
ארטיסט צו זיין מאָדעל 130
דער פתרון 131
זעלדע און שולמית 132
צו שפעט 134
א יוגענד־חלום 135

די קעניגין 136
ליעבע 137
עלוויר 138
א בארהאפטיגע ווערבע 145
מיין רויז איז אליין 146
היראגליפען 147
א דונקעלע נאכט 149

פערשיעדענעס.

צו דער מוזע 152
אויפ'ן שיף 153
שיקזאל 155
מיט'ן וואנדערשטאב 156
נאכט 158
א קבר 159
אומזיסט 160
ביים ברעג וואסער 161
צו א קאמפאזיטאר 163
צו א יונגען דיכטער 164
עס קלינגט און קלינגט ניט 165
צו משה בלוי 166
דער פתרון פון לעבען 167
דער שלעכטער געשפאן 169
געטער 171
דער מענש 172
דער פייער 175

פארטשריט . . . 177
א חבר . . . 178
נאטור'ס נקמה . . . 179
דורך תעלע ברילען . . . 180
ראשעל . . . 182

שניידעריי... סאטירע, הומאָר און פאלעמיק.

הפקר פעטרישקע . . . 184
די „געלע בלעטער“ . . . 186
א „דאָקטאָר“ . . . 188
דער פאנטאן . . . 191
די רעפאָרמער . . . 194
דעם שטן'ס ציימונג . . . 196
דער חדר . . . 201
די וועלט . . . 206
דער מארטירער . . . 207
אן עצה . . . 208
„לאטוטים“ נומער צוויי . . . 210
דער שניידער . . . 213
בור און מענש . . . 214
קאמפף . . . 216
זיי צופריעדען . . . 220
צום יענקי . . . 222
די פערקעהרטע וועלט . . . 224
אויסגעשפיעלט . . . 226
פאליטיק . . . 228
די פאסיפישע פלאָטע . . . 230

פונקען.

בעגייסטערונג	236
מוחל	237
ביז צו פערדיינקען	238
פיקסען דעם חומש	239
אויף א געהאנגענע פרוי	240
פראביר	241
פיקסען	242
דאס ערגסטע	243
ליכט	244
רוסלאנד	245
טיטולירטע חתנים	246
אויסגעטראכט	247
א גאָט-זאך	248
די נייע פרוי	249
אמאָל און איצט	250
צוליעב דער ווייב	251
א ווייב	252
סכנה	253
א בליק	254
פשט	255
מזומן	256
דער כח	257
איהר כונה	258
דער קארסעט	259
א פרוי	260

אונבעשטימט	261
זי דארף	262
א מיאוס'ער פלאָנטער	263
אריינגעפאלען	264
דו גלויבסט	265
רעפארם	266
פאליטיק	267
זיידענס	268
א קרומע זאַך	269
רבנים	270
כשר	271
די האָפנונג	272
צדקת	273
מיר פרעגען נים	274
אידען נאר פאר זיי	275
לאז דעם מאַרק	276
די פאָלקס־שפראך	277
א דעקאַדענט	278
נים שטענדיג	279
זיי אַ חצוף	280
לצים	281
ביכער	282
גיעב אכטונג	283
זיי מעסיג	284
רעשטלאך און שטיקער	285
די ערנסטע וועלט	286

פריהיוטס איוביגקייט 287
אָהן א פארוואָס 288
די מיליאנערען 289
די „פיער הונדערט“ 290

לויזע גארבען.

אין שטאָט און אין פעלד 292
ערב פריהלינג 298
אנהויב פריהלינג 306
די ערד און איך 313
מענש און איוביגקייט 320
ערד־ציטערנים 328
סצענעס אין די בערג 335
אויפ׳ן וועג 341

הימעל און ערד

אנפאנג פריהלינג

I

עס איז נאך קיין פויגעל ניטא,
עס האט נאך קיין רויז ניט געבליהט,
עס איז נאך דער הימעל ניט בלאה,
עס זיינען די וואלקען נאך גראה.
דאך פיהל איך שוין טיעף אין געמיט
זיך רעגען א הייליגעם ליעד,
וואס זאגט מיר דורך יעדוויעדער טאן:
„דער ליעבליכער פריהלינג קומט אן".

שוין וועבט זיך אין הארצען א פרייד,
שוין קוקט די נשמה ארוף;
שוין אטהעמט די איינבילדונג אוף;
שוין האלזט זיך דער גייסט מיט'ן גוף,
שוין איז די פאנטאזיע בעקלייד'ט,
דער אומעט דער שווארצער פערגעהט
און לאנגזאם קומט אן פון דער ווייט
דעם לעבעג'ס פערגעטערטע צייט.

II

דער בעזער ווינטער פליהט
מיט בליקען קאלט און קרום.
עס טרוימט די שוואלב א ליעד,
די טויטע ערד — א בלום,
דער שטומער וואלד — א קאהר,
דער הוילער בארג — א קרוין,
דאס איז דער טרוים פון יאהר,
זיין צויבער שפינט זיך שוין
און די געטרוימטע לוסט
קלינגט אב ביי מיר אין ברוסט.

III

א, ליעבע! סוד פון לעבען,
דו ציעל פון אונזער „זיין“!
דו דרינגסט אין הארץ אריין
און מאכסט די זעעלע שוועבען
צו יענעם הויכען ארט,
וואו גאט מיט מענש זיך פארט...

וואס איז דער מיין פון בליהען?
פון אלעס, וואס עס גרינט?
וואס וועהט דער לינדער ווינד?
וואס קלינגען מעלאדיען?
עס איז דערפון דער גרונד
צו האלטען ניי דעם בונד...

אַ ליעבע! זיסע ליעבע,
דו הימעל'ס העכסטער מיין.
נאָר דו און דו אליין
ביסט שאַפונג'ס גרויסע סיבה.
ביסט פריהלינג'ס גרינער טרוים,
וואָס ווינקט פון יעדער בוים.

IV

מזל טוב דיר, ערד!
אָך ווי וואויל דיר ווערט!
אייביג איז בעשערט
דיר צו בלייבען שען.
דו ביסט לאַנג נים אַלט,
פרישער לעבענ'ס גוואלד
וועקט דיין יוגענד באַלד,
מינטערט אויף דיין חן.

דיין געבענשטער בליק,
דיין פערשוואונד'נער גליק
קעהרט זיך אום צוריק
מיט דעם פריהלינג'ס פּראכט,
נאָר דער מענש אליין
וועלקט און מוז פערגעהן
מיט אַ שמערצ-געוויין
אין די שווארצע נאַכט.

דרום זיי מיר געגריסט,
מוטער וואס דו ביסט,
כל זמן דיינע בריסט
זויגען מיך נאך אן!
איידער איך פערשווינד,
ווער דעם שאטענ׳ס קינד,
טרוים און אש, און ווינד,
און שפיעל אוים מיין קאן...

פריהלינג

I

דער סאָלאָווײ מיט גרויס טאַלענט
בעגריסט די פעלדער וויעדער.
דער בוים שטרעקט אויס די גרינע הענד
ווי זוכען אין די ליעדער

דעם טיעף־פערבאָרגענעם געדאַנק,
וואָס ציטערט דורך די בלעטער
און שכור'ט אָן, ווי אַ געטראַנק,
דעם גאַנצען בלויען עטהער...

עס קלינגט געהיימניספול און גליהט
דאָס אונערקלערליך — הייליג ליעד
געשאַפען פון דעם גרויסען סוד;
די רויז ווערט רויט, די ליליע בלייך,
און אין די בערגער וועבט זיך ווייך
דאָס שטילע אָטהעמען פון גאָט.

דאָס שענע פאַסטוך־מיידעל טרייבט
צום ערשטען מאָל ארוים די שאָף

בעגינען, נאָך אַ זיסען שלאָף —
און פון די שטילע נאַכט פערבלייבט
איהר שוועבען אויף די זייד׳נע האָר
אַ שאָטען פון אַ חלום אויפ׳ן וואָהר.

עס טרילערט דער נאַטור׳ס פּאָעט
פאַר וואַלד און פעלד, און אונשולד עדעל
אויף נייעם, גווירציגען טאָפּעט —
מיט אַ נשמה־פרומקייט, אַ געבעט.
אַ לעבעדיגע תפילה טרעט
דורך טוי און מאָרגען־ליכט — דאָס מיידעל.

עס שמעקט אַ בלום אין איהרע הענד
און ריינע ליעבע אין איהר בוזים
אוןביידען גלעט מיט לופט׳נע כרוזים
דער זינגער פון דעם זיסטען בלענד,
וואָס פליעגעלט טריל׳רענדיג פערביי
מיט גאָלדנע ברכות פאַר דעם מאַי.

II

זונענליכט און לערכע־קלאַנג
פאַלען פון דער הויך צוזאַמען,
עס צוגיסען זיך אין פלאַמען
שטראַהל און פריהלינג, און געזאַנג.

גאָלד און טרעלען טונקען איין
אין אַ וואונדערר־ים פון כשוף

דעם בעבלומטען פפלאנצען־ישוב
און עס שמעקען מירט און ווייך.

III

אַ קיהלער ברכה־רעגען פאַלט,
אַ הימעל'שע מתנה.
„שאו ידיכם" זאָגט דער וואַלד
מיט פרומקייט און כונה.

עס שטייגט צו גאָט זיין הערליך לויב,
ער פרייט זיך מיט זיין חלק
און שאָקעלט אָב פון זיך דעם שטויב.
זיין יעדער צווייג איז הייליג...

IV

אויף דעם טהאָל־שטראָם שווימט ארום
דער בע'חן'טער שוואַן פערקלערט.
וואָס ער פיהלט און זעהט, און הערט
בלייבט זיין סוד, פערבלייבט ער שטום.

זיין אַלבאַסטאַר־קלאָרער גוף
טוקט זיך אונטער, טוקט זיך אוף
פון דער לערבעס שירה ווערט
זים און באַנג איהם דאָס געמיט
און ער טרוימט זיין איינציג ליעד,

וואָס ער האָט אין זיך פּעראַרבט —
און ער זינגט דאָס ווען ער שטאַרבט.

V

אָט דאָס איז פריהלינג, ליעבער פריינד,
דער נחת פון די יאָהרען.
עס שפּראָצט און גרינט, און זינגט, און שיינט,
די האָפנונג ווערט געבאָרען.

די נשמה פיהרט אַ נייעם שטאַט,
עס קומט דעם גייסט „התחדש“.
דאָס לעבען הילכט זיין „הרי את“
ער איז די וועלט מקדש...

מיר ג׳ניסען מיט׳ן פולען מויל
און אונז׳רע הערצער גליהען,
דאָך מאַטערט אונז אַ שטילער גרויל:
אָט דאָס וועט אַלץ פערבליהען!

די קריאת שמע פאַר׳ן לעצטען שלאָף,
זי קומט אונז אָפט צו חלום...
דאָס שוואַנען־ליעד, דער קאַלטער סוף,
דער בלייבער „עליו השלום“.

אויפ'ן פעלד

אויף די לאנקעס גרינע ברוסט,
אין די שמעקעדיגע לופט,
שפרינגט צופריעדען אום דער ביק.
שטילע תמימות אין זיין בליק, —
שפרינגט אהן זארגען דער בוהאי.
יעדער שפרונג איז קראפט און זעט,
יעדער ברום איז א געבעט,
איז א קאמפלימענט דעם מאי...
און צולאזען, שטארק און פריי
שמייסט ער מיט זיין עק די לופט,
ריטשעט תמ'אוואט און רופט,
און דער וואסערפאל מיט רעש
ענטפערט אב איהם אויף דער פאש...

טאנצט דער אקס און האט קיין פיין
היינט אזוי ווי נעכטען —
פאלט אין קאפ איהם גאר ניט איין
אז מען וועט איהם שחט'ען...

צו א לערכע

ה ימעל זיסער זינגער
אין די וואלקען ווייט!
איבער לאנד און לייט
קלינגט דיין פריילי‏כקייט.
מאכסט דאס לעבען איינגער,
שווערע הערצער גרינגער,
ס'קען קיין מענשען-פינגער
ווייזען וואו דו זיצט,
וואו דיין זעעלע בליצט,
וועלכע הייך דו גריסט
ווען דיין גייסט זיך גיסט.

וועלכע העלע קלאנגען
שווימען אין דיין ליעד
ווען זיין צויבער ציהט,
ווען זיין כשוף גליהט?
דיינע טרעלען פאנגען,
טרייבען לייד און באנגען,
רייצען די פערלאנגען.
אין א יעדער ברוסט,

וועקסטו פרייד און לוסט,
דיין יעטוועדער טאָן
ריהרט די יוגענד אָן.

דאָך וואָס זאָל בעדייטען,
הימעלשער פאָעט —
וואָס דיין שטימע רעדט,
רופט אַראָב און גלעט
אונזער ערד פון ווייטען?
לאָזט אונז עלענד שטרייטען
שיקזאַל׳ס ביטערקייטען.
לאָזט דעם סאָלאָוויי
זינגען אונזער וועה,
דו נאָר לינד און ווייך
טרילערסט פון דער הויך...

אך! ווי זאָל דיך ארען
אונזער ערדיש פיין?
הערסט זיך גאָר ניט איין
צווישען פריעד און שיין —
אונז׳רע גרויסע צער׳ן.
לאָזט אונז, אַלטע נארען,
אויף בית עולם׳ס שטאַרען.
דו ביסט הויך און פריי,
דיין געזאַנג איז ניי,

טרוימען ליעב און העל
פליסען פון דיין קעהל.

זינגסט ניט פון קיין טרערען,
פון קיין שמערץ אראב.
זאט מיט הימעל'ס גאב
שטראמט דיין הארצען'ס האב,
הייליג פול און גערען.
זונן און מאי, און שטערען,
מישען זיך און מעהרען
אין דיין זעלטנעם גוסט.
סודות אונבעוואוסט
טרויסטו אן די וועלט,
וועלכע הערט און קוועלט.

לאב אונז, לאב אונז מעהרער!
דורך א יעדער שטראהל
גים אין אונזער גאל
פון דיין ב'האלטענעם קוואל!
מאך אונז, דיינע הערער,
אין דיין שמחה קלערער,
זאל דער קאמפף דער שווערער
שווינדען פאר דעם געוואלד
ווען דיין שטימע שאלט;
ווען דיין זעעלע רופט
דורך דער בלויער לופט.

מעגען פויגעל זינגען
יעדער אויף זיין אָרט,
די נשמה גאַרט,
ליעגט בעטריבט און וואַרט
דו זאָלסט טרייסט איהר ברינגען,
אין איהר טיעפקייט דרינגען,
איהרע יאוש־רינגען
שמעלצען מיט דיין פלאַם
פון דעם פייער־ים,
וועלכער ווילד און זים
לאָזט דיין ב'העלטעניס.

אָ, ווען איך זאָל קענען
פיהלען וואָס דו פיהלסט,
וויסען וואָס דו ווילסט,
זעהען וואָס דו ענטהילסט,
וואָלט אונז קיין זאַך טרענען,
קרובים, וואָס מיר זענען!
דאָפּעלט וואָלטען ברענען
מיינע פערזען דאַן.
וועלט און גאָט, און מאַן
וואָלטען אין מיין ליעד
הערליך אויפגעבליהט...

נאַטור און מענש

עס ציהט מיך די דופטיגע וויטקייט,
עס רופט מיך די שטימע פון גאָט:
אנטלויף פון די מענשען׳ס פערשייטקייט,
פון זינדיגען טומעל, פון שטאָדט!

דער וואלד האָט געווירצען און ליעדער,
און שטילע, און הייליגע פרייד,
און דאָרט איז דיר קיינער צו ווידער
און דאָרט טוט דיר קיינער קיין לייד

דו קענסט אויף די פעלדער זיך שפרייטען,
זיי זענען אי לופטיג אי גרוים, —
דאָרט שפראָצען פון טויזענדע קוויטען
די שענסטע חלומות ארוים.

דו זעהסט דאָרט דעם פרעכטיגען מאָרגען,
דעם זילבערנעם שימער פון טייך.
דו הערסט ניט פון לעבען די זאָרגען,
דו זעהסט ווי דאָס לעבען איז רייך.

און איך האָב די גאַסען פערלאָזען,
די ווילדע צוקאַכטקייט, די דראַנג;
איך־זיץ צווישען בוימער און גראָזען,
און הער נאָר דעם פויגעל׳ס געזאַנג.

עס הערשט אַזאַ זעלטענער כשוף,
איך אָטהעם די לופט און איך בענש,
און ס׳ציהט מיך צוריק צו אַ ישוב,
איך בייַנק נאָך דעם זינדיגען מענש.

אַ טאָג

I

מאָרגען.

מיט הימעל'ס פייערדיגע פערד —
אין מאָרגענ'ס רייטוואָגען געשפּאַנט
פאָהרט אַן דער טאָג און וואַרפט אויף ד'ערד
אַראָב זיין שטראַהלענדעס געוואַנט.

אַ שטראָם מיט ליכט פערפלייצט דאָס פעלד,
און זוימט דעם אויפגעוואַכטען טייך.
די בוימער שטעהען שטיל און גלייך
און גלאַנצען אַן די יונגע וועלט.

דער פויגעל פעדערט זיך אין נעסט,
קוקט אַן דעם מזרח'ס גאָלד'נעם טרעסט —
אַ תפילה שוועבט פון גרינעם וואלד
אויף זעפיר־פליעגלען ווייך און ריין:
„אַ דאנק דיר, גאָט, נאָר דו אליין
מאַכסט ליעב דאָס לעבען, מאַכסט איהם שען".
און אַלץ ארום ערוויעדערט באַלד:
„אמן... אמן... אמן"...

II

דער מיטען טאָג.

דער טאָג איז רייף, די זונן דערגרייכט
דעם העכסטען פונקט, עס איז דערהייכט
איהר פולסטער גלאַנץ. איהר שטאַרקע שיין
ברעכט דורך די הימלען ברייט און ווייט,
און גליהט די ערד, ס'איז מיטאָג־צייט,
דאָס ליכט איז קרעפטיגער ווי ווייך.

עס האַלט די וועלט אין מיטען „הב“,
עס קען קיין כח און קיין „לאו“
ניט אָבהאַלטען איהר ווילדען ראש.
עס רוישט דאָס לעבען ווי אַ מיהל,
עס בלייבט צומאָל קיין מילב ניט שטיל,
ס'איז נאָך ניט אויסגעברענט אויף אש

די ענערגיע, וואָס גליהט און שאַפט,
עס גוועלטיגט נאָך אַ האַלבע קראַפט,
וואָס וויל נאָך פול מאַכען דעם בלאַנק
פון האַלבען טאָג. ס'איז זייגער צוועלף
„גאָט העלף דיר, פליים'גע וועלט! גאָט העלף“!
און טומלענד קלינגט עס: „שענעם דאַנק“...

III

אבענד.

אויף די פּאַליסאַדען רוהט די זונן
וואַרפענדיג איהר לעצטען, זיסען בליק
דעם פערלאַז'נעם האָדסאָן, וועלכער ליעגט
אין זיין קאַלטע זילבער־בעט פערטראַכט
מורמלענדיג אַ אומ'טיגעם „גוט נאַכט".

גוטע נאַכט דיר, ליכט פּרינצעסין, שטום
ווי אַ יוגענד־חלום אין די בערג
זינקסטו, נעהמענדיג מיט זיך די פרייד:
לייכטענדיג פערגעהסטו אין דיין פּראַכט,
לאַזענדיג די וועלט אליין — גוט נאַכט!

באַלד בלייבט איבער נאַר אַ רויטער פלעק
אויפ'ן האָריזאָנט ווי בלוט, אַ שמערץ
וועבט זיך אוים אין מערב און אַ וועה
וויעגט די פעלדער שלעפעריג און זאַכט,
און עס שעפּטשעט אומעטום: „גוט נאַכט"...

אויף די קעטסקיל בערג

א, איהר אור־אַלטע, אונבעזיגבאַרע עדות פון
אונשטערבליכקייט! גייסט־ערהויבער,
געקרוינט מיט אונענדליכקייט און כח,
אויף וועמעס רוקען די צום הימעל־שוועבענדע,
שטערען־ווינקענדע און לופט־דורכפליעגלענדע אָדלער
רוהען פון זייערע וואַלקען־רייזעס; איהר ווערדע־פולע,
גאָט־האַלטענדע, הייליגקייט־אָטהמענדע טריבונעס,
פון וועמעס שוידערענד־ערנסטע ריעזען־הויכקייט
עס וועהט דער יצירה־פרישער באַלזאַם־דופט
פון לעבען; איהר נשמה־גרויסע, צום נסתר־
שטייגענדע מלאכים־לייטערס: — בערג!
אַ חלום־אונבעדייטענדער קערענדיל שטויב
פון אייער אייגענע ערהאַבענע צייט און
פורכט־בילדענדע אַלמעכטיגקייט — אַ שטויב,
אַ פערניכטענד־שיינענדער קערענדעל נאַר, גלאָץ
איך אויף אייער געדאַנקען־ערוועקענדע,
דורות־טראָגענדע, סודות־בעהאַלטענדע
און שטח־פערלאַכענדע אונבעגרייפליכקייט.

אין אייערע טיטאַנען־ברוסטען וואורצלען
די יאהר־הונדערטען, און אייער איגנאָרירענד
גליווערענדע פעלזען־קאַלטקייט צום מענשען׳ס
רגע־קורצען, מינוטען־דויערענדען פליעגען־טומעל,
מאַכט ציטערען די אונזיכערע שפינוועב־שוועלען
פון אונזערע חקירות, און דאָך, איהר בערג!
איהר זייט נאָך אַלעם דעם נאָר אויפגעבלאָזענע
הויפענס ערד, און איבערלעבענדיג די וועלטען
מוזט איהר דאָך פערבלייבען צוגעשמידט,
אונריהרעוודיג, פון בחירה — לעער, פון ברירה —
פוסט, אַ באַכמאַטנע מאַסע אונבעהאָלפענקייט
אויף אייערע פון־שיקזאַל־שטריינג־בעגרענצטע
תחום׳ען, און ניט פערוועהרען קענט איהר מיר
מיין האַנד, די אייביג־טהעטיגע, אריינגראָבען
אין איי׳רע אוצרות־פולע, קברים־פינסט׳רע
הערצער, און טרעטען מוזט איהר שטיל, געדולדיג
לאָזען מיינע מילבען־פיס אויף אייערע
מיט אייביגקייט־בעדעקטע, דורות גראָהע,
אימער יונגע קעפ.

עס האָבען מיינע עלטערען אויף אייך אַמאָל
געטרעטען, עס וועלען מיינע קינדער אויך
און מיינע קינדס קינדער אייער הויך בעשטייגען;
ביז אין די אינגסטע אייביגקייט. און פונקט
ווי איהר, אַ, בערג, זייט אונשטערבליך,

איז אונשטערבליך און שטענדיג דויערענד
דאָס אייביג מענשליכע; דער געניוס;
דער שטרעבענדער, ניט־בעזיעגטער מענש!

נקמה אָן דער זון

דער מענש ביי וועלט־אונטערגאַנג.

(פאַנטאַזיע)

אַ, דו שטראַהלענדע שטערבליכקייט,
וואָס האָט אַזוי לאַנג בעלויכטען דעם
מענשליכען עלענד;
די טייכען בלוט און טרערען פון אונגליקליכע!

אויף דיין אויסגעלאָשענע פלאַמענהאַרץ
שלײַדער איך מיין דורות־אַלטען צאָרען,
פאַר דיין אונפערגעסליכע גלייכגילטיגקייט.

זיסער איז מיין ראַכע ווי דיין ווייכער שיין,
וואָס האָט געשמייכעלט האַרצלאָז און קאָקעטיש
אויף די פערפיהרערישע בלומען פון די פעלדער...

פיעל מאָל פלעג איך דיך ציטערענדיג בעטען,
דו זאָלסט בלויז אויף איין איינציגען טאָג
דיין הימעלש פנים אַבטאָן אַלס אַ שטראָף

פאַר שוואַרצע, יאָמערענדע עולות.

דו האָסט דאָס ניט געטאָן!

אָ, דו גאָלדענער לץ, וואָס האָט געלאַכט
צו אַלערליי געמיינהייט און פערברעכען!

דו האָסט געקושט די האַק פון שאַרף־ריכטער;
געשפּיעלט זיך אויף די שטריק פון תליון;
אויף די פינסטע׳רע פליענעל פון דער קראָה,
וואָס האָט פערצעהרט די טויטע יוגענד
פון די שלאַכטפעלדער.

דו האָסט געשיינט אויף שפּאַניען
און מאַראָקאָ, און רומעניען,
אויף קישינעוו און פּעטערסבורג, און וואַטיקאַן,
אויף שייטער הויפענס און אויף צלמים.

איצונד פערגעה!

פערצאַפּעל אין דיין אייגענעם פייער!
דיין אויסגעלאָשענקייט איז דיין קבר,
דיין אייג׳נער שאָטען בעגליט דיך אין דער נאַכט.
וואו ס׳וואַרט אויף דיר די אימה׳דיגע פּוסטקייט
פון אַלטע, לאַנג־פערשוואונד׳נע וועלטען.

אויך איך פערגעה, און וואויל מיין אונטערגאַנג!
ווען כ׳זעה, אָ, זונן, דיין ברענענדע גסיסה,
דיין לעצטען, רעכט־פערדיענטען מאַרטער
און קען נאָך מיט אַ שמייכעל זאָגען:
„ברוך דיין אמת״!...

צו טיעף*)

איך הויב מיין בליק צום הימעל הויך,
די וואָלקען ווײנען, איך וויין אויך...
און ווידער בליק איך אויף, עס גליהט,
עס לאַכט די זונן און איך לאַך מיט...
וואָס מיינט מיין לאַך און מיין געוויין?
צו־טיעף, איך קען דאָס ניט פערשטעהן.

איך הער דעם הערבסט'ס פערצאָגטע שטים,
עס ברעכט מיין הארץ, איך זיפץ מיט איהם...
איך הער דעם פריהלינג'ס ג'זאַנג פון יאָהר,
מיין האָפנונג בליהט, איך זינג אין קאָהר.
איך זיפץ, איך זינג, האָב קיין בעגריעף,
וואָס דאָס בעדייט, עס ליעגט צו־טיעף...

*) דיעזע געדיכט איז איבערזעצט פון מיין ענגלישעס ליעד, וואָס געפינט זיך אין דער אַנטאָלאָגיע פון אַמעריקאַ'ס פּאָעטען, ארויסגעגעבען פון דעם אַמעריקאַנעם דיכטער און קריטיקער, קלאַרענס סטעדמאַן.

ארבייטער נגונים

דאָס אַלטע ליעד

א מוזע, הימעל'ס שענע טאָכטער,
דו געטין פון געזאַנג און פרייד!
געדיינקסטו נאָך ווען אַ פעריאָכטער,
געשמידט אין ווערקשטאַט'ס טיעפען לייד —
איך פלעג מיט וועה צו דיר זיך ציהען,
צו דיר, דיין שטראַהלענדעם געזיכט! —
ווי היים מיין יונגעם הארץ פלעגט גליהען
ווען איך האָב מיך אויף דיר געריכט?

געדיינקסטו ווען איך פלעג פערשמייסען
מיין גרויסע פליכט צו ווייב און קינד,
אַ יעדען ערדען־באַנד צורייסען
און לאָזען פליהען מיט'ן ווינד...
און נאָר אין ד י י ן געבענשטע מינע
געזוכט אַ טרייסט, ביי ד י ר אין בליק
געזעהן די אייביג־יונגע, גרינע,
בעבלומטע לוסטגערטנער פון גליק?

אויף איהם האָסטו מיר דאַן געוויזען,
אויף א י ה ם, וואָס שטעהט פערצאָגט און שאַפט,

אויף א י ה ם, דעם גרעסטען פון די ריעזען,
אויף זיין אלמעכטיגקייט, זיין קראפט,
אויף זיין פערשוויצטען, דארען פנים,
זיין אר׳מע היים, פערוויינט און וויסט —
אויף א י ה ם ,וואס שקלאווט פאר זיינע שונאים
און אפפערט זיך פאר זיי אומזיסט.

און אויף די פעלדער, אויף די ווידען,
אויף דער נאטור האסטו געצייגט,
אויף אונזער מוטער ערד׳ס גן עדן,
אוואו דאס לעבען איז פערצווייגט
אין טויזענד פארפומירטע גליקען,
פאר יעדען פון איהר קינד עגאל —
וואס ווינקען, שמייכלען, רופען, קוויקען
און חן׳ען זיך דורך יעדער שטראהל.

דו האסט פערזעעט אין מיר דעם קערען
פון יענעם פלאמען־ווילדען ליעד,
וואס שיסט זיין פייער צו די שטערען
און פון זיין יעדער נאטע בליהט
אן אנדער בלום בעשפריצט מיט פונקען,
אן אנדער מענשליכער געפיהל
מיט ליכט און ליעבע דורכגעטרונקען,
וואס רייסט זיך צו דעם העכסטען ציעל.

איינד האט מיך די צייט דערוויי?ערט

פון יענע ווערקשטאַט דומפּף און קליין,
מיין הימעל האָט זיך אויסגעלייטערט,
דאָך דו קומסט אימער נאָך צוגעהן
און ווייזט מיר אָן אויף די קרבנות
פון אונגערעכטע זאָרג און פיין,
און טראָגסט דעם כעס און די רחמנות
מיר ווידער טיעף אין הארץ אריין.

און איצטער, פונקט ווי דעמאָלט, קלינגען
די ליעדער מיינע געגען נויט,
און רופען, ציטערען און זינגען
פאַר דעם, וואָס מיהט זיך ביז אין טויט.
אָ, מעגען טויזענד פויגעל גריסען
דעם פריהלינגס הייליגען פּאַראַד,
זיי קען ניט הערען און געניסען
מיין אַלטער, עלענדער קאַמ׳ראַד.

איך הער אַ ג׳מיש פון נייע טענער,
עס שפּיעלט אַ אינגערע מוזיק,
דאָך מיר איז ליעב און הייליג יענער
פערגעס׳נער קרעכץ פון דער פאַבריק,
פון פעלד, פון ים און פון דער מינע,
וואו נאָר מיין חבר שיינקט זיין מיה,
פאַר די, וואָס צאָהלען איהם מיט שנאה,
זיין וועהטאָג איז מיין פּאָעזיע.

זיין שיקזאַל טאַנצט מיר אָן די לירע,
אָ, הימעל'ס טאָכטער! שענעם דאַנק
פֿאַר'ן מאַכען א י ה ם מיין לעבענס־שירה!
מיין „זיין" פֿערבלייבט דאָ מעהר קיין בלאַנק,
דען ווען ער וועט זיין מאַכט בעקלערען,
זיין גרויסקייט וועט איהם ווערען קלאָר,
ערשט דאַן וועט זיך מיין שטים דערהערען
צוזאַמען מיט דעם גרויסען קאָהר...

אין מיטען נאַכט

בשעפים מחזיונות לילה בנפל תרדמה
על האנשים... פחד קראני ורעדה ורב
עצמותי הפחיד. (איוב).

דרען אַלץ איז שטיל און איינגעשלאָפען,
דער טומעל האָט זיין מויל פערמאַכט,
די וועלט איז מיט אַ טרוים פערלאָפען
און אָטהעמט צויבער־לופט און נאַכט,

די ערד איז שאַ, די הימלען שטומען,
דאָס לעבען שווייגט און האָט קיין וואָרט,
חלומות נאָר טשיקאַווע קומען,
פאַנטאַסטיש, ווילד צונויפגעפאָרט,

און אומבעוואוסט גאָר פרעפּלען ליפּען
פון דער געוואוינהייט לייכט בעוועגט —
אונמעגליכקייטען בינדען זיך און קניפּען,
דער מח בלאַנדזשעט און ערשרעקט;

ערשט דאַן געפין איך מיין נחמה:
צואוועהטאַגט, מיט אַ הייס געוויין

צורייד איך זיך מיט מיין נשמה,
און פיהל איך בין ניט מעהר אליין...

ערשט דאן ערוואכען די געפיהלען,
א, דאן לעבט אויף אין מיר די פיין! —
דאן שטעהט אויף אלץ, וואס קען ניט שטילען,
דאן וואכט אויף אלץ, וואס שלאפט ניט איין.

און אט אין די פערוויעגטע שטונדען
ערהויבען זיך מיט זעלטנער לוסט
די אלטע שמערצען, אלטע וואונדען
אוים טיפסטער טיעפקייט פון מיין ברוסט.

זיי וואכען אלע אויף צוזאמען;
מיט א צוקאכטע טומלעריי —
די אלטע בילדער, אלטע פלאמען
זיי לעבען אויף, זיי ווערען ניי...

עס האט די צייט זיי מיר געלאזען,
די ז ע ל ב י ג ע! — איך קען זיי גוט —
עס האט קיין ווינד זיי ניט פערבלאזען
און ניט געטויט דעם שיקזאל'ס רוט...

דאס זענען יענע אלטע גייסטער,
וואס האבען מיך אמאל מיט מאכט

געוועקט צום אויפשטאַנד געגען מייסטער,
געשלעפּט פאַר מענשענרעכט אין שלאַכט!

און הער! זיי וועקען אין מיר ווידער
דעם יונגען פלאַם, דאָס יונגע בלוט,
וואָס ליעגט אין מיינע ערשטע ליעדער,
זיי ווינקען ווידער צו מיין מוטה.

זיי ווינקען און איך ווער בעגייסטערט
ווי פון אַ ווילדען האַרפען־קלאַנג,
ווי פון אַ צויבערקראַפט בעמייסטערט
קוועלט אויף מיין איניגסטער געזאַנג.

איך זינג אין טויזענד שטאַרקע טענער,
מיין ליעד, — אַ שטורעמדיגער קאָהר:
שטעהט אויף, שטעהט אויף, איהר ארבייטס־מענער!
פאַר אייך, געדריקטע, זינג איך נאָר!

צום ערשטען מאַי

דער ווינטער איז פערגאנגען,
דער ליעבער פריהלינג קומט
מיט פויגעלשע געזאַנגען,
מיט פעלדער רייך פערבלומט.

דאָך וואָס ביסטו דערשלאָגען?
דו אָרמער אַרבייטס־קינד!
וואָס פאר א לייד מוז נאָגען
דיין בייַנקענד הארץ אַצינד?

אָ, וועלכע שווארצע גייסטער
פערדונקעלען דיין בליק?
דו שאַפער, העלד און מייסטער,
דו גאָט פון דער פאַבריק!

דאָס ליעד פון בעזים

קעהר, בעזימיל, קעהר!
קעהר צום מיליאָנער,
וואָס דאָס פאָלק פערמאָגט!
קעהר ניט וואָס מען זאָגט!...
קעהר, בעזימיל, קעהר,
קעהר אריין וואָס מעהר!

קעהר אריין זיין קראַפט,
אַלעס, וואָס ער שאַפט;
אַלץ, וואָס ער פערדיענט
קעהר אריין געשווינד!
קעהר, בעזימיל, קעהר,
קעהר צום מיליאָנער!

וואָס דעם עולם ניצט,
איז ניט וויכטיג איצט,
וואָס ער קרעכצט און שרייט —
לאַזט מען אָן א זייט...
קעהר, בעזימיל, קעהר,
קעהר אריין וואָס מעהר!

דאָס ליעד פון די רויטע פאָהן

מיר קויפען קיין זיידענס צו פוצען דעם ספר,
וואָס שטעהט אויבען־אָן אין פערהאַנגענעם ארון.
דעם ספר פערפוצען שוין אונזערע קויפער,
די קויפער פון אונזערע בליהענדע יאָהרען.

זיי מוזען איהם פוץ און פערגעטערונג שאַפען,
ווייל דאָרט איז געבליבען די פרייד פון די קונים:
דער שרעקליכער דין ווי צו האַנדלען מיט שקלאַפען,
דער פסק, אַז עס מוזען זיין אייביג אביונים.

מיר קויפען קיין זיידענס פאַר מענטעלאַך נייע,
וואָס אַרט אונז כפורת? וואָס אַרט אונז פרוכת?
דערמיט זיינען זיך די כלי־קודש מחיה,
די בּרואים, וואָס האַנדלען מיט פינסטערע מחות.

מיר קויפען די זיידענס צו מאַכען אַ פאָהנע,
וואָס זאָל מיט אַ הייליגע שטאָלציגקייט פלאַטערן
אויף אַלעמען גלייך מיט דער זעלבער כונה,
אויף מענשען, וואָס דאַרפען זיך מעהרער ניט מאַטערן,

און רויט, ליעבע ברידער, זאָל ווערען געפאַרבען
די עדעלע שטאָף פון דעם הערליכען דגל,
דען רויט איז דאָס בלוט פון דעם עלענדען קרבן,
וואָס צאַפּעלט אין שונא'ס צורייסענדע נעגעל.

אָ, רויט איז דער קידוש־וויין, וועלכען עס טרינקען
אָט די, וואָס פערצעהרען אונז לעבען און וויסען,
און רויט אונזער זון, ווען זי האַלט אין פערזינקען
און רויט דער מאָמענט ווען זי וועט אונז בעגריסען.

פון נייעם גלות

אַ שטיק וואָס פעהלט אין דער הגדה.

הלילה הזה כלו מרור.
(הגדה של פסח).

מיר האָבען שוין, דורכגעלעבט גלות'ן שווערע,
בערויבט און בעריסען פון רעכט און פון עהרע,
פערקויפט צו רשעים פאַר אַלערליי פּרייזען,
נאָר שטענדיג אַ האָפענונג פלעגט זיך בעווייזען;
אַ ליכט, וועלכע פלעגט אונז אין חושך בעגריסען,
און אונזערע ביטערע וועהען פערזיסען,
דאָך איצטיגער גלות, דער גלות ביי'ם רייכען,
איז שרעקליך, אַ פינסטערע נאַכט אָהן אַ גלייכען,
קיין טרייסט צו דערלאַבען, קיין שטערען צו גלאַנצען,
אַ נאַכט „כלו מרור", יאָ, „מרור" אין גאַנצען.

מיר מויערען „פּתום ורעמסס" אַצינדער,
מיר מויערען איין דאָרטען אונזערע קינדער...
מיר קלייבען די מאָגערע שטרוי פאַר אַ לעבען
און מוזען די צאָהל פון די ציגעל נאָך געבען...

מען שטעהט איבער אונז מיט פערבלוטיגטע בייטשען
אויף אונזערע ביינער דעם הפקר צו דייטשען...
מיר זיינען א טהייל פון די שטומע מאשינען
ביי וועלכע מיר וועלקען, צו וועלכע מיר דיענען,
פערשפארט אין פערפעסטעטע, טויטליכע שאנצען,
א נאכט „כלו מרור“, יא, „מרור“ אין גאנצען.

ניטא מעהר קיין משה, ניטא מעהר קיין „שטעקען“
די גרויזאמע פרעה׳ס פון היינט צו דערשרעקען;
די שווארצע חרטומים דעם כח צו שטערען
און שלאגען דעם ים פון פערגאסענע טרערען;
מען נעהמט מעהר קיין מיטעל אנטגעגען די האסער,
וואס שליידערען אונזערע זיהן אין דעם וואסער...
און זיינען די טייפעלשע שענדער און שעכטער
פון אונזערע ארעמע פרויען און טעכטער...
עס הוליען די שדים און זינגען, און טאנצען,
א נאכט „כלו מרור“, יא, „מרור“ אין גאנצען.

ווי זאל אונז דער נחת פון פסח בעוועגען
מיט שונאים פון הינטען און שונאים אנטגעגען?
ווי זאלען מיר הויבען די כוסות און זינגען
פערלאנגענדיג קונים, וואס זאלען אונז דיענגען?
ווי זאלען מיר זיצען מיט ברייטקייט ביי׳ם סדר
אין לעכער פערשטיקטע, אין שמאטיגע קליידער?
ווי זאלען מיר שטעלען א כוס א פערגאלטען
מכבד צו זיין אונזער נביא דעם אלטען?

ווי זאָל אונז אין האַרצען דעם יום־טוב פֿערפלאַנצען
אַ נאַכט „כלו מרור“, יאָ, „מרור“ אין גאַנצען?

מיר פרעגען די קשיות מיט אַנגסטליכע שרעקען,
אונז קען דער „עבדים היינו“ ניט שמעקען.
מיר זיינען געווען און פערבליעבען ביי שענדער,
ביי אייג׳נע און פרעמדע אין פיינדליכע לענדער.
עס דאַרף נאָך דער „יום חירותנו“ ערשט קומען
מיט נייערע ליעדער און שענערע בלומען.
גענוג אונז דעם „מרור“ אלס „זכר“ צו קאַיען!
מיר קענען דעם גלות פון א י צ ט ניט פערדייען,
מיט ווילען זיך ענדליך מיט פרייהייט בעקראַנצען,
מיר ווינשען דעם טאָג, וואָס איז זיסקייט אין גאַנצען.

יוניאָן

גרויסע ארבייטער־משפחה,
וואָס דו קענסט די גרויזע נויט —
העלף דיין פריינד, דעם בעל מלאכה,
אין זיין קאַמפּף פאַר רעכט און ברויט!
עס קיין שפּייז און טראָג קיין העמד,
וואָס דיין זיעגעל איז זיי פרעמד...
זאָל דיין קלייד, דיין שוך, דיין הוט
זאָגען עדות אויף דיין מוטה!

אַ מאַטראָז

אַ גבור: גייסט און בלוט, און אייזען.
פון מח ביז די פוס־פינגער אַ העלד.
עס האָט זיך קיינער נאָך אזוי געשטעלט
ניי רוסלאַנד׳ס תחית המתים ווייזען.

אַ איינפאַכער מאַטראָז, זיין בלוזע,
זיין מאַנטעל און זיין הוט פון פראָסט געוואַנד,
דאָך אַ נשמה מיט אַ שטאַרקע האַנד,
וואָס לאָזט אַ פאָלק ניט זיין מבוזה.

איך זעה איהם אין אַ ים פון שטראַהלען.
אַ זעעמאַן און ערהאַבען ווי אַ גאָט —
ער האָט געשטעמפעלט טיראַניי׳ס באַנקראָט,
געצייגט ווי קנעכטשאַפט מוז צופאַלען.

אַ פאָלקס־קינד גרעסער פון א מלך,
אַ נאָבלער העלד אין פרייהייטס ערשטען ראַנג.
אויף, אויף, מיין מוזע, גיעב איהם א געזאַנג,
און מאַך די אָרמע מענשהייט פרייליך!

וועק אויף די וועלט זי זאָל זיך פרייען!
אַזאַ נשמה קומט דאָ ניט אומזיסט,
זי ברעכט דעם אונטערשייד פון איד און קריסט,
און ווייזט וואוהין די פעלקער געהען...

אַלץ איינס

אויף די נייעס, דאָס מען וועט אויסגיסען הייזער אין פורמס.

געגאָסען צו געמויערט,
געמויערט צו געזעגט,
דאָך אייער עלענד דויערט
ביז וואַנען איהר פערעקט.

עס האָט נאָך אַ מאַשינע
אייך קיינמאָל ניט געבראַכט
קיין פריילּיכערע מינע,
קיין שטראַהל אין אייער נאַכט.

איהר מוזט זיך איצטער ראַנגלען
מיט אייזען און מיט שטאָהל,
כדי אייך זאָל ניט מאַנגלען
צו האָבען אויף דעם מאָל.

עס צאַפּלען איי׳רע לייבער
אין די מאַשינ׳עס גוואַלד,

עס צאַפּלען איי'רע ווייבער,
עס צאַפּלען יונג און אַלט.

איהר האָט קיין זאַך גענאָסען
פון אונזער גרויסע צייט.
געמויערט צו געגאָסען,
איהר זייט פון לעבען ווייט.

גלגולים

פּאַריז, דעם 16טען מאַי, 1909. היינט האָט זיך דאָ געענדיגט דער דריי־טעגליכער יום־טוב פון די בעשעהנונג פון דעם מאָנומענט פאַר די היסטאָריש־לעגענדאַרישע העלדין די יונגפרוי פון אָרליאַנס... א באַנקעט איז געמאַכט געוואָרען, וואו עס האָבען זיך פערזאַמעלט 800 ראָיאַליסטען... מען האָט געזונגען קיסר־ליעדער... סענאַטאָר לע ברעטאָן האָט גראַטולירט דעם דוק פון אָרלעאַנס אַלס דעם פראַנצויזישען קעניג... אויפהויבענדיג זיין בעכער, האָט דער סענאַטאָר אויסגעשריען: „לאַנג לעבען זאָל דער קעניג! אַרונטער מיט די רעפּובליק“!

טעלעגראַפּישע ידיעה.

וואָס איז געשעהן? איז פראַנקרייך שכור?
איך הער איהר קיסר־ליעדער זינגען! —
צוהאַקט די שלאַנג אין טויזענד שטיקער
און יעדע שטיק אַפּאַראַט וועט שפּרינגען.

עס גרילצט דער מאַנאַרכיסט דער בלינדער
די אַלטע, פינסטערע ראָמאַנסער,
עס בושעווען דעם טייפעל'ס קינדער:
דער באָנאַפּאַרט דער אָרל־יאַנסער.

זיי ציהען די צופלאַצטע סטרונעס
אויף טיראַניי'ס צובראָכ'נע פיעדעל,
און וועקען פון צופוילטע טרונעס
דאָס שטומע, אויסגעשפּיעלטע ליעדעל.

דאָס קלינגט! משונה־ווילד זיך שלעפּען
תכריכים דורך די בלאַסע טענער,
עס טראַמפּלען אום אויף גאָלד'נע טרעפּען
אין בלוט געבאָדען יענע מענער

און יענע פרויען, וועלכע האָבען
מיט שפּאָט געוואַלצערט איבער גריבער
און האָבען ענדליך זיך בעגראָבען,
די צייט איז איבער זיי אריבער.

דען הערט! נאָך דונערען די שטיינער
פון די פּאַריזער טראָטואַרען:
„דאָס צאָהלען אָב די אָר'מע ווינער
די טרערען־לוין צו זיי'רע הארען!

„אָ, רייסט אונז אויס געטרעט'נע מאַססען!

מיר זיינען אייערע קאמראדען:
פערלאַז'נע קינדער פון די גאסען,
פערוואַנדעלט אונז אין באַריקאַדען!"

דאַך אימער טומלען נאַך און שפוקען
די קנעכט פון יענע נאַכט־רעגיערער,
זיי זוכען טהראָנען זיך צו בוקען,
זיי בײנקען נאַך די פאָלקס־פערפיהרער.

זיי מינט'רען נאַך דעם טויטען נגון,
וואָס בלאַנזשעט אום פערפלוכט און טמא —
און קען קיין אויער מעהר ניט קריעגען
און ניט געווינען קיין נשמה.

עס גלגול'ט נאַך די שווארצע סוויטע
צו קרוינען ווידער די טייוואַלים,
צו שיינקען זיי די אַלטע שליטה,
דעם לאַנג־פערשוואונד'נעם שווידער־חלום.

נאַר אויף דעם פערלאשעז*) דעם שטילען
ערוואכען פרייהייט'ס פאָהנען־טרעגער,
זיי הערען קיסר־ליעדער שפיעלען,
עס הויבט זיי אויף פון די געלעגער.

---

*) דער פאריזער בית עולם, וואו עס זיינען בעערדיגט די העלדען פון דער קאָמונע פון יאָהר 1871.

זיי קוקען זיך אַרום מיט צאָרען
קלאַפּענדיג די ביינער־גליעדער:
„עס קומען צייטען, קומען יאָהרען,
פּאַריז וועט זינגען אַנד'רע ליעדער.

„וואָס גייסטער האָבען היים געפריידיגט,
געדאַנקען — צו דער ליכט געטריעבען,
נשמות — הימעלדיג פערטהיידיגט
און אין דער ריינער זונן פערשריעבען;

„דאָס וועט אומזיסט דער שונא וואַרטען
אין אַש און פּוס־שטויב צו פערקערען,
דאָס וועלען טויזענד באַנאַפּאַרטען
און אָרליאַנסער ניט צושטערען".

אויף א פעראורטיילטען מיליאָנער

מען היט אונז פון משוגענע הינד,
מען ראַמט זיי אָב פון אונז'רע גאַסען, —
נאָר ניט פון וואוילטאג'ס ווילד געזינד,
וואָס איז געפעהרליך פאַר די מאַסען.
משוגע לויפען זיי אַרום,
די רייכע, העסליכע הולטאַיעס,
און שאפען טויט נאָר און לויות,
און ג'זעץ, און אָרדנונג בלייבען שטום.

דערפאַר איז דאָס אַ גרויסע נייע'ס —
ווען פון דעם גאָלדענעם מזבח
ווערט אָבגעריסען דער רוצח
און צאָהלט מיט זיך דעם שווארצען פרייז.

צום ארבייטער

אלע ריידען, אלע שרייען,
אלע קריגען זיך פאר דיר
און דו האסט ניט וואס צו „קייען“,
און דו האלטסט נאך מיט'ן גביר.

זוכסט איהם דוקא אנצושטאפען
מיט דעם כח וואס דו האסט.
דו בעזינגסט די פילאנטראפען
און פערשטעהסט ניט, וואס דיר קאסט.

פרויען־שטימרעכט

גיט איהר שטימרעכט, גיט עס גערן!
לאָזט די פרוי ניט זיין געקוועלט!
דען איהר שטים איז וואָס מיר הערן
ווען מיר פאַלען אויף דער וועלט.

אָ, איהר שטים איז וואָס בעגריסט אונז
דורך דעם לעבענ׳ס ווייטען גאַנג,
און דערקוויקט אונז און פערזיסט אונז
יעדען וועה ווי אַ געזאַנג.

לאָזט די מוטער און די שוועסטער
העלפען פיהרען אונז דאָס לאַנד,
דען דאָס איז דער וואונש דער גרעסטער
און דער מענשהייטס העכסטער שטאַנד!

פאַרוואָס?

עס שטרעבט דער מענשליכער פערשטאַנד
די אַלטע וועלט צו מאַכען איינגער.
ער וויל פערלייכטערען די האנד,
וויל מאַכען אונזער פראַצע גרינגער.

ער רעדט צום שטראַהל, ער זאָגט איהם „טו״!
מאַשינען ארבייטען און פייפען.
עס „ווערט״ דו זעהסט קוים ווי און וואַו,
דו שטוינסט, דו קענסט עס ניט בעגרייפען.

עס לויפען וועגענער אָהן פערד,
עס בליצט דאָס וואָרט אַריבער ים׳ן,
עס ארבייט ווינד און לופט, און ערד,
און גאָט מיט די נאַטור צוזאַמען.

עס שאַפט פאַר דיר דאָס גאַנץ בעשאַף,
אָ, מענש, פאַרוואָס ביסטו נאָך שקלאַוו?

פּאָעזיע און לעבען

גאָר פון אָנפאַנג נאָך, אין וויעגעל
האָט זי זיך צו מיר ענטפּלעקט,
מיך מיט איהרע צויבער־פליעגעל
ליעב און האַרציג צוגעדעקט.

זי האָט ווי אַ טרייע מאַמע
אָנגעזויגען מיך מיט לוסט,
די נשמה׳ס צאַרטע אָמע
מיט דער ווייסער מוזענברוסט.

צאַצקעליך פלעגט זי מיר ברינגען,
הימעל־צאַצקעס וואונדערשען!
און פלעגט שפּיעלען און פלעגט זינגען,
זינגען מיר צום שלאָפען געהן.

איך פלעג ליגען, זי פלעגט זיצען
נעבען מיר און האַלטען וואַך.
זיסע סודות, עד׳לע וויצען
אָנפערטרויען מיר אַ סך.

פאַר געשמאַקהייט פלעג איך דרימלען,

אָבער זי פלעגט שטיל און זאַכט
איינבויגען פאַר מיר די הימלען
און איך האָב דאָרט אַלץ בעטראַכט...

ווען איך האָב מעהר קראַפט בעקומען,
האָב געכאַפּט שוין מעהר פערשטעהן,
האָט זי מיר די האַנד גענומען
און געלעהרענט ווי צו געהן.

איבער מאַי און איבער בלומען
האָט זי מיר געפיהרט צום גז'אַנג.
פרייד איז דורך דער לופט געשוואומען
און בעגריסט מיין ערשטען גאַנג.

איבער מיר די גאָלד'נע שטראַהלען,
מיר אַרום — דער גרינער וואַלד.
וואו מיין בליק נאָר איז געפאַלען
האָט געגרינט, געבליהט, געשטראַהלט.

און אין מיטען די קאַפּעלע
האָט געטרילערט און געשפּיעלט ,
און אין מיטען פון מיין זעעלע
האָב איך פרישען גליק דערפיהלט.

דאָרט האָט זי דאָס אויסגעצויגען
איהרע הענד, עס האָט געבלאַנקט!

און האָט פון דעם בלויען בויגען
מיר אַ האַרף אַראָב דערלאַנגט.

„נאַ דיר הימעל'ס העכסטע פריידען"!
האָט געזאָגט זי, „זיי דערקוויקט!
שפּיעל און זינג, און ווייס קיין ליידען!
ליעב און לעב, און זיי בעגליקט"!

און זי האָט די יונגע פינגער
גלייך פער'קנס'ט מיר מיט דער האַרף
און געבענשט מיך אַלס אַ זינגער
און געזאָגט מיר וואָס מען דאַרף...

איך האָב אונשולדיג געזונגען
ווי אַ פויגעל אויפ'ן בוים,
און מיין האַרף, זי האָט געקלונגען,
אָבער וועה! ניט יענעם טרוים!

יענעם חלום טראָגען ווינדען,
יענער נחת איז געראויבט.
יענע שענע צייט זאָל שווינדען
פּלוצלונג, אַך! ווער וואָלט געגלויבט?

איצט איז מיין געזאַנג דער יאָמער,
מיין פאַנטאַזיע איז די נויט.

יענע יונגע פרייד ניטאָ מעהר,
יענער הייסער וואונש איז טויט.

אויף דעם עלענד פון די מענשען
האָב איך אויסגעוויינט מיין בליק.
ניין! איך האָב ניט וואָס צו בענשען,
וואָס צו ליעבען. נעהם צוריק!

מוזע, נעהם די כלי דיינע!
נעהם, איך דאַרף ניט דיין געשאַנק!
איך האָב אַלע ליעדער מיינע
אויסגעקלאָגט שוין, איך בין קראַנק.

כ׳האָב דעם לעבענ׳ס בראָך געזונגען
אין דעם שיקזאַל׳ס שווערסטע טראָפּ.
ניין! עס איז מיר ניט געלונגען
זיך צו פרייען. איך גיעב אָב!

אייביגע קולות

עס טראָגט זיך אַ טרייסטענדער קול דורך די וועלטען!
„איך וועל אייך פערגעלטען, איך וועל אייך
פערגעלטען“.
און נאָך אַ קול פול מיט פערצווייפלונג און צאָרען
גערייצט דורך דעם שרעקליכען וועהטאָג פון יאָהרען
צוקלינגט מיט אַ פראַגע, וואָס וויל ניט פערשטומען:
„אָ, ווען וועט דאָס קומען? אָ, ווען וועט דאָס קומען“?

„אביסעלע שפעטער, אביסעלע שפעטער, —
עס דארפען נאָך וועלקען און גרינען די בלעטער“...
ערוויעדערט דער טרייסט מיט אַ קול פון רחמנות —
„איך וועל אייך פערגעלטען, אויף מיינע נאמנות“!
דאָך ווילד רוישט דער וועהטאָג און טענה'ט מיט הארטען:
„מיר קענען ניט ווארטען, מיר קענען ניט ווארטען“!...

עס וועלקט און עס גרינט, און עס בייטען זיך וועטערס,
עס קומען אַלץ צו און פערגעהען די „שפעטערס“
און אימער נאָך טראָגט זיך אויף בערג און אויף טהאָלען
דער טרייסטענדער קול און ער ווערט ניט פערשאָלען,
און אימער נאָך טראָגט זיך די פראַגע ווי פלאַמען
און מישען זיך ביידע אין הארץ מיר צוזאמען...

דער טויטער מאַטראָז

עס בילט דער ווינד ווי אַ משוג'נער הונד,
די וועללען לויפען ווי פערסם'טע.
און אויף די וואַסערס די צושאַמטע,
וואַס רוישען איבער אַ צוקאָכטען גרונד —
מיט שווערען כריפּען ווי אַ טעמפּע זעג
איין אָר'מע שיף שניידט דורכ'ן ים אַ וועג.

און קאַלט, און פינסטער איז די ווילדע נאַכט.
דער דונק'לער דעק ווערט זאַכט בעטרעטען.
מיט איינגעהאַלטענעס, שטילעס בעטען,
דער טויטער ווערט ארויפגעבראַכט.
דער קאַפּיטאַן, דעם שוואַרצען קרייץ אין האַנד,
דער טויטער, צוגעדעקט מיט שוואַרץ געוואַנד.

איין אָרעמער מאַטראָז, האָט טריי געדיענט
די שיף זייט לאַנגע יאָהרען,
געבלאַנדזשעט האָט אין זיין זכרון
דער עכאָ פון דעם שטאַרקסטען ווינד.
ער האָט געקענט איעדען ווייטען פאָרט,
יעצט איז דער ווילדער ים זיין גוטער אָרט.

לינקאָלן

זיפצענד האָט דער אָר'מער נעגער
זיין פערלאָרענקייט געמיינט,
און האָט אויף זיין וויסט געלעגער
דורך די שטילע נעכט געוויינט.

מיט די ווייסע ציינער בייסען
פלעגט ער אָפט זיין שווארצען לייב,
פלעגט אויף זיך די הויט צורייסען
און דעם סוד פערטרויט זיין ווייב.

נאָר דעם יאָך האָט ער געטראָגען
שטיל און רוהיג ווי אַ לאָם,
פלעגט זיין שיקזאַל ניט בעקלאָגען,
האָט געשטיקט אין זיך די פלאָם.

אַפריקאַ האָט איהם געצויגען,
נאָך זיין היים האָט ער געגאַרט,
דורך די מידע זעהנזוכט'ס אויגען
האָט דער וועה זיך דורכגעשפאַרט.

דאָך דער הימעל האָט פערנומען
דעם פערלאָרענעם'ס געבעט
און אַ מלאך איז געקומען
און האָט פריי דאָס וואָרט גערעדט.

אויף קענטאַקי'ס גרינע וויזען,
אין אַ שטיבעל אויפ'ן פעלד —
איז דער ריעז פון פרייהייטס ריעזען
אַנגעקומען אויף דער וועלט.

„לאָזט איהם לויז"! האָט ער געליאַרמט,
„ווערט דורך זיין פערגעהן ניט רייך!
„גאָט האָט זיך אויף איהם דערבאַרמט,
שוואַרץ צי וויים, מיר זיינען גלייך"!

און ער האָט די קייט צוריסען
און געלאָזען געהן דעם קנעכט,
און בעפרייט אַ פאָלקס געוויסען
און געקרוינט דאָס מענשענרעכט.

נאַציאָנאַלע האַרפּע

דער איד צו קריסטוס

צום קרייץ גענאַגעלט מיט אַ בלייכען פּנים,
מיט ווילדען שמערץ אין די געקוועלטע גליעדער,
בעטראַכטסטו דיינע אונערבאַרמדיגע שונאים,
וואָס רופען זיך מיט אונרעכט דיינע ברידער.
דו רופסט דורך טיעפען יאָמער, פּיין און קוואַלען:
„מיין גאָט, מיין גאָט, וואָס האָסטו מיך פערלאַזען"?
דאָך דיין געבעט ווערט מיט דעם ווינד פערבלאַזען
און דיינע טראָפּענס בלוט צום באָדען פאַלען;
צום קאַלטען באָדען, פון דיין גוף דעם ריינעם!
עס לאָבען זיך די פייניגער און פרייען
מיט דיינע איבערמענשליך ביט'רע וועהען,
און שפּאָט פערנעהמסטו נאָר, קיין טרייסט פון קיינעם.
כ'קוק טרויריג דיך אָן און איך קוק אויף זיך,
מען זאָגט מיר דאָס ביזטו, דאָך דאָס בין איך...

צו די פּאָגראָם קרבנות

גענווידמעט דעם רוסיש אידישען מאָלער מינקאָווסקי

ב'האָב טויזענד מאָל אויף אייער בראָך געקלאָגט
און טויזענד מאָל מיין קול פאַר אייך ערהויבען,
די וועלט געפרעגט, דעם יושר און דעם גלויבען
פאַרוואָס איהר ווערט גע'שחט'ען און געיאָגט,
דאָך קיינער האָט דעם סוד מיר ניט געזאָגט.

און ווידער זעה איך מוטער, גרייז און קינד
פערוואונדעט, עלענד, הפקר פאַר דעם ווינד.
פערלאָרענע! אָ, וואָס איז אייער זינד?

צושלאָגען און צובלוטיגט, קראַנק און בלאַס,
מיט עפּה'לאָך, צו וועה און שאַנד געבאָרען,
קרבנות פון אַן אונגערעכטען צאָרען,
געהעצטע פון אַן איינגערעדטען האַס,
דעם ראַכע־גייסט צוליעב, דעם גאָט פון כעס, —

וואוהין פאַרט ציעלט יעצט אייער מיעדער פוס?

אוואו, זאָגט, גלויבט איהר ווארט אויף אייך א זכות?
וואו ענדיגט זיך דעם יאָמער'ס טיעפער פלום?

ערפּאַהרונגס־בלומען, גראָהע האָאר, און איהר
געבענשטע פּרויען־אויגען פול מיט צניעות,
פול מוטער־ליעבע, פייכט פון הייסע בכיות,
איהר לעבענס ברכות, אונזער העכסטע ציער,
ווי ווערט איהר ביליג ביי אַ פרעמדע טהיר!

אָ, וועה, פערפאָלגטע פון דעם שונא'ס האַנד!
אַראָבגעבראַכטע ביז צום קלענסטען שטאַנד,
וואו האָט די ערד פאַר אייך אַ פרייען לאַנד?

דער זויגלינג שלומערט ביי דער מוטער'ס ברוסט,
דאָס עלט'רע חלום'ט נעבען קראַנקען טאַטען,
דאָס עלטסטע וואַכט און וואַנדערט מיט, אַ שאָטען!
דער זיידע — מיט אַ בליק פון האָפנונג פוסט,
שלעפּט נאָך דעם גוף מיט אַ בית־עולם לוסט.

געשיכטע! דו טראַגעדיעס גרויסער רייך,
וואו יעדע שורה איז אַ בלוטיגער טייך,
דו האָסט קיין בילד צום אידען'ס עלענד גלייך.

נו, געהט! קרבנות פאַר דער מענשהייט'ס חטא,
מסתמא איז די צייט נאָך ניט געקומען
דער דורות־אַלטער חורבן זאָל פערשטומען.

אָ, הייליג איז די ערד אָוואו איהר טרעט,
די ריינע בלוט, וואָס קלעפּט אויף אייער בעט!

אָ, הייליג, הייליג, הייליג יעדער טראָט!
און הייליג, הייליג, הייליג יעדער שפּאָט!
יאָ, הייליג, הייליג, הייליג פּונקט ווי גאָט!

ויחד...

אדער גוטלאַנד און בלוטלאַנד.

אַ, גוטלאַנד, קוים הער איך דיין שפּראַכע,
דערפיהל איך אַ פרייד און אַ שמערץ,
געפיהלען פון ליעבע און ראַכע
ערוואַכען גאַנץ טיעף אין מיין הערץ.

עס שוועבען מיר אום פאַר די אויגען,
צוויי בילדער — אַ, גרויסער קאַנטראַסט!
מיין מוטער, וואָס האָט מיך ערצויגען,
מיין היימאַטה, וואָס האָט מיך פערהאַסט.

מיין וויעג און מיין קבר צוזאַמען.
ווי ליעב און ווי שרעקליך! איך פיהל,
ווי צווייערליי גוואַלדיגע פלאַמען
פערברענען מיין ברוסט אין דער שטיל.

אַ, גוטלאַנד ווי וואָלט איך געקראָכען
אויף דר'ערד און געקושט דיינע זאַנד!
אַ, בלוטלאַנד ווי וואָלט איך צובראָכען,
אין שטיקער דיין מערדערשע האַנד!

אָ, טהייערע היימאַטה, דיין שפּראַכע,
ערוועקט מיר אַ פרייד און אַ שמערץ,
געפיהלען פון ליעבע און ראַכע,
פערברענען מיין עלענדעס הערץ!

„זשאַ קיוז"*)

(אויפ'ן טויט פון עמיל זאָלא)

ניטאָ עמיל זאָלאַ, עס איז געשעהן!
פער'יתום'ט ליעגט דער מענשהייט'ס שטאַרקע פען —
די פרייע האַנד איז קאַלט, זי שאַפט ניט מעהר,
דער אמת וויינט און פרייהייט לאָזט אַ טרער,
און דורך די וועלטען טראַגט זיך לויט אַ כרוז:
די וואַרהייט רופט איך מוז: „זשאַ קיוז, זשא קיוז"!

און כל זמן ערד וועט געהן אַרום איהר אַקס,
ביז זי וועט זיך צושמעלצען ווי אַ וואַקס,
און כל זמן עס וועט גליהען נאָך איין שטראַהל
און אין דער וועלט וועט זיין איין טראָפּען גאַל,
וועט דונערן מיט צאָרען יענער כרוז
און וועט זיך ענדיגען: „זשאַ קיוז, זשאַ קיוז"!

---

*) דער טיטעל פון דעם בעשולדיגונגס בריעף מיט וועלכען דער גרויסער פראַנצויזישער פרייהייטס־קעמפּפער און דיכטער עמיל זאָלאַ איז אַרויסגעטרעטען געגען די בלוטיגע פיינד פון דעם אידישען מערטירער קאַפּיטאַן אַלפרעד דרייפוס.

פערזינדיגט

יען כי גבהו בנות ציון ותלכנה נטויות גרון ומשקרות עינים הלוך וטפוף תלכנה וברגליהם תעכסנה... (ישעיה).

ותפשקי את רגליך לכל עובר ותרבי את תזנותך... (יחזקאל).

עס קראַכען די מעכטיגע טוי'רען,
עס פאַלען פאַנאַנדער די ווענט;
עס שטירצען און זינקען די מוי'רען,
עס בלייבט ניט קיין איין פונדאַמענט.
דער בלוטיגער פיינד האָט געוויזען
די קראַפט פון זיין אייזערנע האַנד.
עס מאַכען די בבל'שע ריעזען
א תל פון דעם הייליגען לאַנד.

עס לויפען אום העלישע שרייער
און וועקען אַ טייוועלשען מוטה.
און רופען פערוויסטונג און פייער,

און ליאַרמען נקמה און בלוט.
עס קעמפּפען און פאַלען, און פליהען
די קינדער פון „איינציגען גאָט“,
די העלדישע קריעגער פון ציון,
זיי קענען ניט רעטען די שטאָדט.

עס בריה׳ן זיך אויף די מצודות,
וואו אידיש בלוט ריקעט און פליסט —
די לעצטע גבורים יהודה׳ס,
די קריעגער די לעצטע אומזיסט.
אַ ווילדער געפעכט און געשמעטער,
דאָך ברינגט דאָס עקשנות קיין זיעג.
יעהאָוואַ, דער גאָט פון די געטער,
ער נעהמט ניט קיין האַנד אין דעם קריעג.

ער לאָזט ניט קיין נסים ערשיינען,
ער שיקט ניט זיין מלאך אין שלאַכט,
ער שיצט ניט קיין זייד און קיין ליינען,
ער שיצט ניט דאָס געטליכע פּראַכט...
דער כהן, דער פירסט און דער שופט,
זיי פאַלען׳ צוגלייך מיט דעם קנעכט.
עס גילט ניט דער חושן ואפד,
עס גילט ניט דער „שם“ אין געפעכט.

עס ווייזט ניט דער קריעגס העלד צבאות
זיין פייערדיגען שווערד ווי אַמאָל,

ער וואַרפֿט ניט דעם שונא אין טעות
און ברעכט ניט זיין אייזען און שטאָל.
ווייל שווער איז די זינד פון יהודה,
ער האָט דאָס געטריעבען צו ווייט —
דרום מאַכען כלי זיין אַ סעודה
פון זיינע בעשיצער אין שטרייט.

דערפאַר איז די זיעגעריין בבל,
דאָס איז „אל נקמות“ בעפעהל:
„פערוואַנדעל דעם פאָלק אין אַ אבל
און מאַך פון זיין מקדש א תל;
פערטרייב איהם אין פינסטערען גלות,
עס איז מעהר קיין זכות ניט פאַראַן, —
עס ווערען מקוים די קללות
פון יתום און פון אַרעמאַן.

זיי האָבען דעם אביון בעריסען,
בע'גזל'ט דעם קנעכט פון זיין לוין,
שטאָלצירט מיט אַ שוואַרצען געוויסען,
געגלאַנצט אין אַ זינדיגע קרוין.
זיי האָבען די צניעות פערשטויסען,
ענטבלויזט זייער נאַקעטע שאַנד,
געפּאָרט זיך ווי הינד אין דערויסען,
געצויגען צו חרפה די האַנד.

זיי זיינען אָהן בושה געלעגען

צוטאַשט אונטער יעטוויעדען בוים,
פער'נבזה'ט מיט זנות אַלע וועגען,
גע'חלום'ט דעם זינדיגסטען טרוים...
עס האָבען די אידישע טעכטער
געטאַנצט אין אַ שלייער פון חטא,
געלאַכט יענעם זיסען געלעכטער,
וואָס ווינקט צו אַ שענדליכע בעט...

זיי האָבען געזוכט זיך צו לעקען
צו יעדען, וואָס האָט דאָס געוועלט,
געזוכט זייער שטאָם צו פערמעקען,
מזבחות צו געצען געשטעלט.
גע'שחט'ען אויף יעדוויעדער במה,
קרבנות צו שדים געבראַכט...
און האָבען פערפלעקט די נשמה,
וואָס האָט פאַר אַ פאָלק זיי געמאַכט.

נו, שטירצען און זינקען די מויערן
דורך בבל'ס טיראַנישע האַנד.
יהודה וועט אייביג בעדויערן
זיין רוהיגע היים און זיין לאַנד.
ער וועט מעהר קיין טרייסט ניט געפינען
און ביטער וועט זיין איהם און באַנג.
אַ טרעהר נאָך אַ טרעהר וועט איהם רינען
און טרויער וועט זיין זיין געזאַנג.
אַזוי וועט ער שלוכצען און ציט'רען,

און קיינמאָל געהאָלפען ניט זיין.
און רק זיין אונזיכערהייט פיט'רען
מיט נייע יסורים און פיין...
ביז ווערען וועט ענדליך ממלא,
וואָס איהם האָט זיין נביא געזאָגט —
און ער וועט אין איינעם מיט אַ ל ע
דערזעהן וואָס די צוקונפט פערמאָגט...

ציון

געהט אויף די זונן, מיט זיסען פרייד
מוז איך אָן דיר געדיינקען
און געהט זי אונטער, טיעפעס לייד
בעפאַלט מיך, טיעפעס ביינקען.

אין מזרח איז מיין היים געוועזן,
אין מערב איז מיין גלות,
ד׳רום פרייט דאָס מיך פערשפרייט צו זעהן
דעם מאָרגענ׳ס גאָלדנע פאַלעס ;

ד׳רום וויין איך ווען עס געהט אַוועק
דער טאָג אויף דונק׳לע וועגען,
און פון דערווייטען ווינקט מיט שרעק
די שוואַרצע נאַכט אנטקעגען.

על נהרות בבל

ביי בבל'ס שטילע טייכען
פערזאומערט און פערצאָגט —
דאָרט זיינען מיר געזעסען
אָן ציון ניט פערגעסען,
געיאָמערט אָהן אַ גלייכען
דערמאָהנט זיך און געקלאָגט.

אויף יענע ווערבעס שטומע,
דאָרט האָבען מיר מיט וועה
די האַרפען אויפגעהאַנגען,
מיר האָבען גאָט'ס געזאַנגען
אין יענעם לאַנד פון טומאה —
ניט מעהר געשפיעלט אויף זיי.

דאָרט האָט דער פיינד געבעטען
אונז האַלטענדיג אין צוואַנג —
„אָ, זינגט אין האַרמאָניען
דאָס פריילּיך ליעד פון ציון,
פון אייערע פּאָעטען
דעם לוסטיגען געזאַנג"!

ווי קענט איהר דאס פערלאנגען
פון אונזער אר'מען שטאנד?
ווי קענען מיר זיך צווינגען
אויף פרעמדע ערד צו זינגען
די געטליכע געזאנגען
פון דעם געבענשטען לאנד?

אויב איך פערגעס מיך דיינער,
ירושלים מיין,
זאל וועהטאג אויף מיר קומען,
זאל ווערען אבגענומען
דער רעכטער ארעם מיינער
און ניט בעוועגליך זיין!

זאל צוקלעפען אויף אימער
צום גומען מיר די צונג
אויב אויך אין מיינע פריידען
כ'וועל וועגען דיר ניט ריידען,
ניט גלוסטען נאך דיין שימער,
צו זעהן דיך וויעדער יונג.

געדיינק, גאט, אדום'ס קינדער
ירושלים'ס וואונד!
ווען זי האט טיעף געבלוטיגט
האבען זיי נאך טויט ערמוטיגט,

געשריען: „גראָבט אַ צינדער!
צושטערט איהר ביז צום גרונד“!

אָ, נידערטרעכט׳גע בבל!
דו נאַכט׳ס פערשאָלט׳נע האַנד!
א לויב צו יענע העלדען
דיין סוף וואָס וועלען מעלדען
און דיך פון פעלקער־טאָוועל
אראָב מעקען מיט שאַנד!

צום וואַנדער-שטאַב

שטעקען, דו מיין אַלטער שטעקען,
וועלכער וויים מיין יעדער גאַנג,
וועלכער קען אין צייט פון שרעקען
זיך פערוואַנדלען אין אַ שלאַנג...

זאָג מיר, אַלטער פריינד, ביז וואַנען,
יאָ, ביז וואַנען איז דער שיעור?
זאָג, ווי לאַנג איך וועל נאָך שפאַנען
און זיך חבר'ן מיט דיר?

אין גלות

דונקעלע מחשבות, טריבע,
און דאָס האַרץ דערלאַנגט אַ קלאַפּ:
אָך, אַנשטאָט דאָס ליעד פון ליעבע,
זינגען מיר דאָס ליעד פון שאַפּ!

יענע צייט פון פרייד און טוגענד
איז געשטאָרבען, זי איז טויט!
און מיר זעהען אונזער יוגענד
פאַלענדיג אין קאַמפּף פאַר ברויט!

אביגיל און שולמית
מוזען טרייבען די מאַשין
אין פערשאָלט'נע ד' אמות,
ביי אַן עקעלהאַפטע שפין,

און אַבשלום איז אַ פרעסער,
צי אַ פעדלער אויפ'ן מאַרק,
און ער האָפּט ניט מעהר אויף בעסער
בויגט צופריעדען איין דעם קאַרק...

גלות

I

וואו טהוט מען היין די מידעביינער?
וואו גלייכט מען אוים דעם רוקען?
דער וועג זעהט אוים מסוכן...
א יעדער טריט איז פול מיט שטיינער!
וואוהין? וואוהין? דו אר'מער וויינער!

II

העלפט דעם נע ונד'ן ברודער!
שטרעקט איהם אוים א ווארמע האנד!
שטעלט זיך ביי זיין שיקזאלס רודער
אין זיין נייע היימאטס־לאנד!

ער אנטלויפט פון טויזענד קללות
פון דעם טייפעל'ס שווארצען רייך,
העלפט איהם פטר'ן דעם גלות,
ווען ער קומט אהער צו אייך!

דער שופר

נ יט צום זיעג און ניט צו פרייהייט,
שאַלט איצט אונזער אינסטרומענט,
שקלאַווען זענען מיר און פרעמדע,
און פון קיינעם ניט דערקענט.

ס'קען די מענשהייט ניט איהר לעהרער,
וואָס האָט איהר מיט גייסט בעזעעלט.
אָ, עס קען אונז ניט די פאַלשע,
שלעכטע שילערין — די וועלט!

אַנדערש רוישט יעצט אונזער שופר
אין דעם שווארצען גלות־תהום:
יעדער „תקיעה" איז אַ שחיטה,
יעדער „תרועה" — אַ פּאָגראָם.

אונזער יובל און נצחון
ליעגען אין דער צוקונפט ווייט,
ווען די פעלקער וועלען אויפשטעהן
מיט דעם מאָרגען פון דער צייט...

הערצל

אוועק דער טרוימער און זיין טרוים,
דער צויבער איז אין שוים צורונען,
דער קאמפף, וואס האט א פאלק געוואונען —
א חלום, וועלכער גלויבט זיך קוים!
דער העלד און דער שטרייט,
דאס פעלד און די צייט,
דער מוט און דער צוועק,
אלסדינג איז אוועק!
דער גייסט, וואס האט צום ליכט געשטרעבט,
האט אויסגעדומפפט, איז אויסגעוועבט.

פאַרמער

יאַנקעל׳ס פאַרם־גאזנות פלאַקערט
און זיין ארבייט האָט אַ ווערטה...
שוין פון דורות ווי ער אַקערט,
אַקערט מיט׳ן נאָז די ערד...

און אזוי רק שאַפט ער וואַר׳מער,
זעצט מיט קברים און מיט געלד...
אָ, ער איז אַ גרויסער פאַרמער,
אונזער יאַנקעל, אונזער העלד!...

א פלוך אויף דמשק

א פלוך אויף דמשק דאָס בלוטיגע לאַנד,
וואָס האָט ניט קיין עהרע און ווייס פון קיין שאַנד.
און קען קיין רחמנות, און אַכטעט קיין טרערען,—
וואָס באַד'ט זיך אין אידישע בלוט אָהן א מאָס
און גיט ניט קיין אורזאַך און זאָגט ניט פאַר וואָס
זי זוכט אונזער רוהע און פריעדען צו שטערען.
א פלוך אויף דמשק!

א פלוך אויף דמשק, די גיפטיגע שלאַנג,
וואָס לויערט אויף אונז און פערשטעלט אונזער גאַנג
אויף יעדוועדען איינציגען וועג פון חיונה,
וואָס לאָזט אונז פאַר קעלט און פאַר הונגער דערגעהן,
וואָס שטערט אונז אפילו דאָס שטילע געוויין
און לאָזט אונז ניט אָפּהיטען אונזער אמונה.
א פלוך אויף דמשק!

א פלוך אויף דמשק, דאָס זינדיגע רייך,
וואָס לייקענט אין אַלץ וואָס איז מענשליך און גלייך
און געהט אויף פערדאָרבענע וועגען און קרומע,

וואָס רויבט אונז דעם ביסען דעם לעצטען פון מויל
און טרייבט אונז דורך נאַכט און דורך שרעק, און דורך גרויל
אין אַנד'רע מדינות צו זוכען אַ תקומה.
אַ פלוך אויף דמשק!

אַ פלוך אויף דמשק שיק אָן אויף איהר, גאָט!
אַ ווילדען צושטערער און מאַך איהר צו שפּאָט
פאר אונזערע וועהען און אונזערע קלאַגען, —
פערוואַנדעל איהר טהראָן און איהר הערשאַפט אין ברוך,
און מעק אוים אויף אייביג איהר שם פון דיין בוך
און זאָלען די קומענדע דורות נאָר זאָגען
אַ פלוך אויף דמשק!

דאווגען

הערענדיג דעם בעריהמטען ווינער חזן דאָן פוקס.

איך האָב געהערט דיין זיסען דאַווגען,
דיין בעטען גאָט מיט פרומע ליעדער
און האָב צום ערשטען מאָל פערשטאַנען
די שטאַרקע קראַפט, וואָס ליעגט אין סידור.
איך בין ניט פרום, בין ווייניג גלוביג,
אין תפילות שוין ניט מעהר בעהאַוועגט,
דאָך דו האָסט מיך צוריק געוואונען,
איך האָב געגלויבט און האָב געדאַוועגט...

י ש ר א ל

א, זאָגט, מיט וואָס איז באַלזאַמירט
מיין פאָלק, מיין אייביג פאָלק געוואָרען?
אזוי לאַנג טויט און עקזיסטירט,
זיין פעטס און מאַרך נאָך ניט פערלאָרען...

עס ליעגט אין טרונע פון דער צייט,
אַ מומיע ווי פון אַלט מצרים,
אין פרעמדע וועלט־מוזעאומס ווייט
און חלום'ט פון ירושלים...

די סוכה

אלטע טהירען, אַלטע ברעטער
און פערפוילטע שטיקער האָלץ!
זאָגט, וואָס האַמערט איהר דאָרט, פעטער,
אין דעם שלעכטען אָסיען וועטער —
און וואָס זייט איהר אזוי שטאָלץ?

וואָס זשע קלערט איהר דאָ צו מאַכען
פון דעם אָבגעניצטען שטאָף?
אייער בנין מאַכט מיך לאַכען.
ליאָד אַ ווינד און דאָס וועט קראַכען
און עס ווערט דערפון אַ סוף.

לאָזט דעם האַמער, לאָזט איהם ליעגען!
לאָזט דעם אָר'מען מאַטריאַל!
דען איהר וועט דערפון ניט קריעגען
ניט קיין נוץ, ניט קיין פערג'ניגען
און איהר שאַפט פאַר דעם פערפאַל.

„קינד! וואָס רעד'סטו פאַר דבורים

און וואָס ניצטו פאַר אַ שפּראַך ?
שווייג ! דו לעסטערסט גאָטעס טורעם,
וואָס פערלאַכט דעם גרעסטען שטורעם
און וואָס שרעקט פאַר קיין שום זאַך.

„מיין געבוי בעדאַרף קיין זיילען
און קיין פעסטען פונדאַמענט,
און קיין הובלען, און קיין פיילען,
און קיין קונסט געבראַכט פון מיילען
און קיין ערדישען צעמענט.

„מעג זי דיר ניט שטאַרק געפעלען
מיט איהר אויסערליך געשטאַלט,
דאָך זי קען זיך גאוה׳ג שטעלען
מיט די גרעסטע ציטאַדעלען
און פערשפּאָטען יעדע גוואַלד.

„זאָל דערפאַר דיר זיין קיין חידוש,
וואָס איך האָב זיך דאָ געמיהט !
דיין געלעכטער איז ניט אידיש.
קום אין סוכה, מאַך דאָרט קידוש
און זיי שטאָלץ ! דו ביסט אַ איד“ !

שפּראַך

וואָס־זשע קימערט מיך אַ שפּראַך,
וואָס־זשע לוינט דאָס פּשט׳לען,
ווען מיר מוזען קראַנק און שוואַך
געהן ביי שונאים בעטלען?

אַך! די בעטעל־שפּראַך איז טויט,
מעג זי זיין פון בלומען,
קען זי דאָך אין שאַנד און נויט
צו איהר שטאָלץ ניט קומען.

„שפּראַך" מיר ניט, אָ, לאָז דאָס געהן!
פאָלק מיט וועה בעלאָדען,
יעדער פלוידעריי איז שען
אויף איהר אייג׳נעם באָדען...

אַ שלאָפלאָזע נאַכט

(פורים־באלאדע)

עס גיט איהם ניט קיין רוה די נאַכט,
עס האַלט איהם וואך אַ בעזע מאַכט,
זיין פלוך־בעלאַד'נעם מח דרייט
אַ ווילדע לוסט, אַ ווילדע פרייד.

זיין שווארצער בוזים קוועלט, ער טראַכט:
„דער תליה־בוים איז שוין געבראַכט,
אַ, הענגען וועט דער שטאָלצער איד,
וואָס האָט מיט עהרפורכט ניט געקניעט

„פאַר מיר, דעם מלך'ס רעכטע האַנד,
אין הודו און אין כוש בעקאַנט —
בעגריסט ביי'ם קיסר'ס גאָלדנעם טיש,
נאָר ניט פון איהם, דער זוהן פון קיש.

„זיין פאָלק פערניכט איך און זיין גאָט,
געגעבען איז שוין דאָס געבאָט...

אַ, פרייט זיך, זרש, זיהן און פריינד!
ווי שען דער דייטער „מאָרגען“ שיינט!

אַט אין דער זעלבער נאַכט געשטערט
איז אויך דער מלך און ער קלעהרט: —
זיין טהראָן איז פעסט, זיין הערשאַפט — גאַנץ,
דאָך וועמען קומט דער לאָרבער קראַנץ;

יאָ, וועלכען מ׳ניסטער פון זיין רייך?
דער פנקס ווערט געעפענט גלייך,
און באַלד דאָס ערשטע אָפּ׳נע בלאַט
דערצעהלט פון מרדכי׳ס עד׳לע טהאַט:

„עס האָבען סריסים צוויי געפּלאַנט
דעם מלך׳ס טויט מיט פרעכער האַנד,
דאָס האָט דער איד פערהיט אין צייט,
דעם טויט פערוועהרט און בעז פערמייד׳ט“.

דעם קעניג׳ס ג׳וויסען רוהט·
ניט פליסען וועט דאָס אידיש בלוט,
און אויף דער תליה געהן זאָל דער,
וואָס האָט געמאַכט איהר זיין געוועהר...

אויף די ערמאָרדונג פון פּ...

טיראַן און שונא ישראל.

שטעה אויף, מיין פאָלק, שטעה אויף און טאַנץ!
דיין גאָט איז שטאַרק, דיין זיעג איז גאַנץ.
שטעה אויף און זעה דיין שונא׳ס סוף!
דעם הימעל׳ס לוין, דעם בורא׳ס שטראָף:
דיין פיינד איז טויט, זיין גבורה — שטויב,
שטעה אויף און זינג, שטעה אויף מיט לויב!

געלויבט איז ער, דער גאָט פון מאַכט,
וואָס היט זיין קינד אין שרעק און נאַכט,
וואָס האָט פערשריעבען און בעצאָהלט
זיין חוב דעם נאַר, וואָס האָט געוואָלט
אין בלוט דערטרינקען און אין גאַל
ישראל׳ס ליכט, דער פרייהייטס שטראַהל.

אָ, וואויל דיר, דו געוואַגטער מאַן,
וואָס האָט פערניכטעט אַ טיראַן!
געשיקטער דו, פון גאָט אליין,

געבענשטער מוט דעם הימעל'ס מעהן,
בעגייסטערטער פון העכסטען מוטה,
דו רעכענער פאַר אונזער בלוט!

אָ, איילט זיך צו דעם גוטען אָרט.
צו קישינעווער קדושים דאָרט!
אָ, זאָגט זיי אָן די גרויסע נייס:
געצאָהלט האָט טיראַניי איהר פרייז,
א שונא טויט, ער איז ניטאָ,
„אשירה להשם כי גאה גאה!"

דער „פתח" מיט'ן „קמץ"

אָדער ליטוואַק און דייטש.

געדיכט צו דער געלעגענהייט פון א פעראייניגונג צווישען די ניו יאָרקער רוסישע אידען און דייטשע „יאהודים".

דער „פתח" מיט'ן „קמץ"
געהען מאַכען שלום, —
אָ, ווייז דיין חסד, טאַטע!
קלייב אויף די נע ונד'ע,
פערווירקליך אונזער חלום!

דער „קמץ" מיט'ן „פתח"
געהען שליסען פריעדען, —
אָ, גאָט, בעווייז דיין וואונדער:
ניט לאָז אונז געהען בעזונדער
און ברענג צוזאַמען אידען!

דער „פתח" מיט'ן „קמץ"
קומען זיך פערטראָגען,
אָ, „חירק" און „מלאפום"!

גענוג זיך אויך צו שטופען,
און הערט זיך אויף צו שלאָגען!

איהר זייט נקודות אלע,
קליינע פינטלאך, שטילע,
דאָך, הויך און שטאַרק און מעכטיג,
און הייליג שען און פרעכטיג
אין אחדות גרויסע תפילה...

אונשטערבליכקייט

דער הימעל איז פינסטער סכנות,
דער שטורם־ווינד רייסט אָהן רחמנות,
און ברומט מיט אַ שרעקליכע מאַכט
און וואָלקען אויף וואָלקען זיך גאַרבען,
און סטראַשען מיט טויט און פערדאַרבען,
גאָר שרעקליך און קאַלט איז די נאַכט.

דאָך ברענט זיך אַזוי ווי דורך צויבער
אַ פייערעל, הייליג און זויבער,
אַ ליכטעלע זעהט זיך אַרויס —
עס בלאָזען און בלאָזען די ווינדען,
דאָך וויל ניט דאָס פלעמיל פערשווינדען.
בחנום! דאָס לעשט זיך ניט אויס.

און דורות שוין זיינען צורונען,
עס האָבען פערלאָשען זיך זונען,
די צייט האָט שוין וועלטען פערלענדט,
און ליעדער, און שטערען, און יאַהרען
שוין זיינען פערגעסען געוואָרען,

דאָס אָרעמע ליכטעלע ברענט.

און אייביג אזוי ווי די תורה,
טראַטע יעדע פערפאַלגונג און מורא,
וועט לייכטען דער הייליגער פלאַם;
עס וועלען די שטורעמס זיך בייטען,
און צייטען זיך וועקסלען אויף צייטען
אזוי ווי די כוואַליעס אין ים,

און פינסטער און נאָך אַ מאָל ליכטיג
וועט ווערען דער הימעל, און ריכטיג
ווי אימער וועט שוואַך זיין דער ווינד,
צו לעשען דאָס ליכט פון בטחון,
וואָס וועקט אין דעם איד זיין נצחון,
וואָס האָט איהם געהיט ביז אַצינד.

„הנרות הללו״, מיין אידעל!
זינג פרייליך דיין אייביגעס ליעדעל!
אין איהם ליעגט אַ הימלישעס גוואַלד,
וואָס וועקט דיינע העלדענ־געפיהלען,
און זאָגט צו די חיות וואָס ברילען —
דעם מעכטיגען, געטליכען „האַלט״!

צום אתרוג

זאַג, געבענשטע פרי דו,
פון מזרח־זון געקוסט —
וואָס וואַקסט אין יענע פעלדער, וואו
עס בליהט מיין אַלטע לוסט!

איז ניט דיין דופט אַ זיסער גרוס
פון מיינע אַלטע פריינד,
וואָס נאָר אין זייער גרויסען זכות
בין איך נאָך דאָ ביז היינט?

ביזטו ניט, זאָג! דעם נביא׳ס וואָרט,
געפאַלען פון זיין צונג
אויף יענעם וואונדערליכען אָרט, —
וואָס האַלט מיך אייביג יונג...

דו מוזט זיין דוד׳ס ליעד, מיר דוכט,
פול הייליגקייט און פראַכט,
וואָס איז פערצויבערט אין אַ פרוכט,
וואָס גרינט און שמעקט, און לאַכט;

עס וועקט דיין זעלט'נער אראמאט
מיר קראפט אין יעדער גליעד
און מאכט מיין הארץ מיט גרויסקייט זאט
און גרויס אין מיר דעם איד...

דער גלות ווייכט מיר פאר דיין דופט
און פאר דיין רייץ — די נויט.
דו פיללסט מיט בשמים אָן די לופט,
וואס האט נאר האס און טויט...

לבנון'ס פרישער אָטהעם ציהט
דורך דיין גן־עדן דופט,
דער ירדן זידט, דער כרמל בליהט
און אביגיל רופט.

דו שמעקסט, און מיין ישעיה רעדט,
דו גלאנצסט, מיין עמוס טרוימט.
דו האלטסט מיין שול און מיין געבעט
מיט גאלד ארומגעזוימט.

ווען אין דעם שונא'ס יאך איך דארב,
איך וועלק אין שאנד און וועה;
ווען יעדע גזירה שניידט א קארב
אין מיר און איך פערגעה;

ווען זון און זומער זיינען וויים,

אַ קאַלטער רעגען קלאַפּט;
ווען ווילד די שוואַרצע קראָהע שרייט
מיט חרמות דורכגעזאַפּט;

אַ ווינטער סטראַשעט און אַ קעלט,
אַ ענגשאַפט און אַ פלוך;
ווען איך דערפיהל אַ פרעמדע וועלט
און וויין צוקלעמט און זוך;

דאַן קומסטו פון מיין אַלטען לאַנד,
פון מיין פערגעס'נעם וואַלד.
איך נעהם דיך אין מיין שוואַכע האַנד
און בין געקרעפטיגט באַלד.

אַרום באַלעמער מיט געזאַנג
טראָג איך דיך שטאָלץ צושפּרייט,
און אין מיין זעעלע מיט אַ קלאַנג
וואַכט אויף די גרעסטע פרייד...

צווי בעכערס

אויף נפתלי הערץ אימבער, בעל „התקוה“.

צווי גאָלד׳נע בעכערס אָנגעגאָסען פול
האָט גאָט געהייסען שטעלען אויף זיין שטוהל.
איין בעכער פול מיט ארץ ישראל־ווייז,
דער צווייטער — מיט דעם אידען׳ס ביט׳רע פיין,
צולאָזט אין הייסע טרערען און אין גאַל.
ער האָט בעשיינט זיי ביידען מיט זיין שטראַהל
און האַלטענדיג זיי אין זיין ליכט׳גען שוים,
האָט ער געזאָגט צום דיכטער: „קלייב דיר אויס“!
„מיין גאָט“! — האָט דער פּאָעט געוויינט — „מיין הערץ
דערציילט מיר, אַז פון איינעם וועל איך טרינקען שמערץ.
שוין פיהל איך ווי אַ וועה דורך יעדער גליעד,
דאָך נעהם איך דאָס פון דיר, איך בין אַ איד“...
און אויסגעטרונקען האָט דער דיכטער ביז אַ טרער.
דאָס גרויסע הארץ איז איהם געוואָרען שווער,
אַ טיעפער יאָמער האָט גענאָגט זיין ברוסט,
פערשוואונדען זיינען פריעד און פרייד, און לוסט.
דער וועלטען־אומער האָט אין איהם ערוואַכט,

ער האָט געקרעכצט דעם גלות און די נאַכט.

געוואַנדערט און געוואָגעלט, און געקלאָגט
האָט ער, געבענטשט דאָרט, וואו ניט געטאָגט.
געוויינט האָט יעדער גליעד איהם, יעדער ביין,
אין טיעפען עלענד, אין דער וועלט אַליין.
די שלעכטע ערד האָט רק איהם אָבגענאַרט,
אומזיסט האָט ער פון לייטען הילף דערוואַרט...
דער גלות־בעכער האָט זיין גייסט פער'סם'ט
און קומענדיג אין לאַנד פון וואו ער שטאַמט,
פון וואו זיין אומה ציהט איהר חיות נאָך...
האָט ער דערפיהלט איהר עלענד'ס גרעסטען בראָך...
און גאָט האָט ווידער איהם דערלאַנגט אַ וואונק:
„דערקוויק דיך איצטער! נעהם דעם צווייטען טרונק"!
ער האָט דעם אַנדער בעכער גיך געלעערט,
עס האָט זיין אומעט פלוצלונג אויפגעהערט...
פערניכטונג האָט איהם מעהר ניט אָנגעגלאָצט,
אין דער נשמה האָט איהם טרייסט געשפּראָצט,
מיט שמחה האָט זיך איבערפילט זיין קעהל,
די „ה אָ פ ע נ ו נ ג" האָט ער געזונגען העל.

אַזוי האָט ער געאירט פון לאַנד צו לאַנד,
אַ בעכער אין זיין יעדער דאַרער האַנד;
געאירט דורך טאָג און נאַכט, ווילד אוים, ווילד איין,
געזופט אַמאָל די פּיין, אַמאָל — די וויין...
אַ גלות־יתום, אַ פאָעט דערצו,

האָט ער געזונגען וואָגלענים און רוה,
ער האָט דערלעבט זיין אומה'ס יונגסטער דור
זאָל זינגען איהם די „האָפענונג" אין קאָהר;
ער האָט געזעהן ווי דער פערצאָגטער, אָר'מער איד
שטראַהלט אויף מיט תענוג פון „התקוה"-ליעד,
דאָך איהם אליין, אָהן האָפנונג און אָהן גליק
האָט שטיל דער עלענד צוגעמאַכט זיין בליק
גאַנץ ווייט פון דאָרט, וואוהין ער האָט געשטרעבט;
פון דאָרט, אַוואו זיין חלום האָט געשוועבט...
און וויעדער שטעהען ביידע בעכערס פול
אויף גאָט'ס בעשטראַהלטען, שכינה־העלען שטוהל,
און וואַרטען אויף אַ מוזען־קינד ווי ער,
וואָס זאָל אין האָפענונג פערטרינקען אונזער טרער...

א שמחת־תורה טענציל

די אייביגע האַפּקע אַרום באַלעמער.

אַ זיס מיט זאָרג און מרה שחורה!
פרייט זיך, אידען, מיט דער תורה
און פאַרגעסט אַ ווייל די פּיין!
הויבט די פיסלאַך!
נעמט צו ביסלאַך!
שפּעטער וועט דאָס אומ'טיג זיין...

מיט הקפות און מיט ליעדער,
לוסטיג, לעב'דיג, ליעבּע ברידער!
טאַנצט אין איינעם! טאַנצט אויף גיך!
'רום באַלעמער
מיט אַ זמר;
מיט די אויסגעדרייטע שיך!...

דלות היינט און דלות מאָרגען,
וואָס זשע העלפט דאָס וויסטע זאָרגען?
תורה'ס יום טוב איז אַ תוך, —

כאַטש אין סוכה
זיץ און פוקע;
כאַטש אין שיסעל איז אַ בראָך...

קויפט, ר׳ טודרוס, קויפט, ר׳ מיכעל
אתה הראת אויפ׳ן ביכעל!...
נאָר בטחון! גאָט איז רייך...
ער וועט כ׳לעבען
מוזען געבען,
כאַטש ער האָט ניט איצט פאַר אייך...

פרייט זיך, אידען, עם סגולה,
מיט דער תורה׳ס שענע גדולה!
איהר זייט איהרע גרויסע לייט.
אַ׳ן עליה
און אַ שתיה,
און די אומה איז בענייט.

לאַנגע יאָהרען ווי איהר פרייט זיך,
לאַנגע דורות ווי איהר דרייט זיך
מיט די ריינינקייט אין האַנד.
קנאַפ חיונה,
פיעל אמונה,
און איהר לעבט אין יעדען לאַנד...

זעהט ווי אייערע כלי־קודש

טאַנצען שוין אַ גאַנצען חודש
און זיי ווערען אַלץ ניט מיד!
אימפעריאלען
און מעדאַלען
איז די תורה פאַר דעם איד...

זאָלען שעמען זיך די גוים,
זאָלען קלעמען זיך רשעים!
גריזשען וועלען זיי אַ ביין...
דער לויתן
איז בעשלאָסען
נאָר צו זיין פאַר איך אַליין...

משה איז דערהויך געשטיגען
אייער „שמחה" דאָרט צו קריגען,
אייער נחת, אייער שטרייט...
און געבראַכט אייך
און געמאַכט אייך
פאַר די פּריצים, וואָס איהר זייט...

וואָס איהר טהוט דעם יאָהר דעם גאַנצען
אַרט ניט קיינעם, איהר מעגט טאַנצען
און פאַרבייסען מיט אַ „טרונק"!
דען דער בורא
און די תורה
ווייסען אייך שוין אויפ'ן וואונק...

אַלטע פריינד

וואַרט נאָר, זיידע! נאָט אייך שלום.
לאָזט מיר דריקען אייך די האַנד!
עפּעס פּונקט ווי דורך אַ חלום
שיינט איהר מיר צו זיין בעקאַנט.

עפּעס רעדט מיר מיין זכרון
און אין די געדאַנקען טאָגט:
איך האָב אין די יונגע יאָהרען
אַ געטרייען פריינד פערמאָגט...

שען און קלוג, אַז „קיין עין הרע"!
פון יעדווידער מויל געבראַכט,
און זיין שענע בלאַס גמרא
האָט איהם שענער נאָך געמאַכט.

און אַ העלד, אַזש פראַסט אַ גבור,
ווי קיין אידיש קינד בעשערט —

ציט׳רען פּלעגט ווי אין אַ פיבער
אונטער זיינע טריט די ערד.

גרייזלאַך פּעך־שוואַרץ, אויגען פלאַמען,
און זיין ריהר — אַ ווילדער בראַנד.
לערנען פּלעגען מיר צוזאַמען...
זיידע... איהר זייט מיר בעקאַנט...

און אַ קאַפּ, — צומישט דעם רבי׳ן,
און אַ שטיפער, — זיינע שטיק!
אַך! וואָס וואָלט איך ניט געגעבען,
נאָר צו טאָן אויף איהם אַ בליק!...

איך וואָלט ממש אינגער ווערען,
זיך דערמאָנט די יונגע יאָהר,
זיידע... כ׳לעבען, איך וואָלט שווערען!
אָבער אַך, די גראָהע האָר!...

שפּעטער האָט אַ שענע מיידעל
מיט איהר ליעבע איהם פערלאָקט,
אָ, ער האָט געליעבט איהר עדעל,
און פאַר מיר זיין האַרץ פערקלאָגט.

יענער חלום האָט בערוישט איהם,
אָט מיט פרייד און אָט מיט שרעק,

דאָך זיין ליעבסטע האָט פערטווישט איהם,
ער איז אין דער וועלט אוועק.

וואָס מיט איהם איז דאָן געוואָרען,
דאָס האָט שטענדיג מיך געפּלאגט.
כ'האָב זייט דאָן זיין שפּור פערלאָרען...
ווער פאָרט זייט איהר, זיידע? זאָגט!

רופט מען אייך ניט יאָסעל שאָכער?
זאָגט! און קומט איהר ניט פון גער?
און געדיינקט איהר ניט אַ בחור
מיט דעם נאָמען משה בער?

„ג'נוג! ג'נוג! מיין פריינד, מיין ליעבער,
ס'האָט דיין אויג דיך ניט גענאַרט.
איך בין דאָס דער יונגער גבור,
וועלכען דו האָסט זעהן געגאַרט.

„דאָס בין איך, דיין אַלטער חבר,
גראָה און שוואַך, און טיעף געבייגט.
אַ, עס האָט די צייט איהר זשאַווער
שוין אויף אונז ארויפגעלייגט.

„קום און לאָמיר זיך אומאַרמען!
קום! מיר זיינען אַלטע לייט.

אפשר וועט זיך גאָט דערבאַרמען:
אונז ניט מעהר פערוואַרפען ווייט. .

„איך געדיינק נאָך אַלץ, געדיינק נאָך,
אין זכרון אָפטמאָל בליצט...
איך דערמאָן מיך און איך בּיינק נאָך,
אָבער וואָס־זשע העלפט דאָס איצט?

„גראָה איז אונזער גאַנצער „חדר“
און דער רבי לאַנג ניטאָ.
מיר פערליערען זיך כסדר
און פערגעהען מיט דער שעה.

„אונזער ליעבע, אונזער גבורה,
אונזער האָפנונג ווערט צושטערט;
ענדיגט ענדליך מיט דער קבורה;
מיט דעם לעצטען רידעל ערד.

„ג׳לויבט איז גאָט, וואָס האָט אונז ביידען
אָבגעפרישט דעם אַלטען בונד!
נו, אַ קוש בעפאָר מיר שיידען!
נאָך אַ קוש און זיי געזונד!

„לאָמיר הארציג זיך געזעגנען,
און בעהאַלטען דעם געדאַנק,

אַז יעדוויעדעס מאָל בעגעגנען
איז שוין איצט אַ גרויס געשאַנק.

„דען מיר זיינען ביידע זקנים,
אונזער טאָג איז שוין בעשטעלט —
אפשר וועלען מיר זיך אין איינעם
טרעפען אין אַ בעס'רע וועלט"!

מיט'ן ליעבּעם גאָט

אויפ'ן טייך

ליעבסטע, זאָג! ווער איז אונז גלייך
ווען מירביידע פאָהרען
אויף דעם טייך דעם קלאָרען,
אויף דעם קלאָרען טייך?

אָ, עס איז אַ ליעבע לוסט,
ווען איין ווייכען שלום
ס'טראָגט אונז ווי אַ חלום
שטיל דעם וואַסער'ס ברוסט!

פון די וועלען קלינגט אַרויס
ווי אַ זאַנפטער נגון,
ליעב דיך צו פערוויעגען
טרוימענד אויף מיין שויס.

דער לבנה'ס מילד געשטאַלט
ברעכט אַדורך דאָס בלאָהע

פול מיט זים הנאה —
איבער אונזער וואַלד.

און זי שווימט אַלץ נעה'נטער צו
איבער אונז צו שיינען.
גליקליך ווי מיר זיינען!
גליקליך איך און דו!

פראַגמענט

ביזט שען, געליעבטע, שען און הייליג!
געמאַכט צו בענשען און צו ליעבען, —
אַ ספר תורה, יעדער חלק
פון בורא׳ס אייג׳נע האַנד געשריעבען.

דיין „בראשית“ ווי דיין „וזאת הברכה“,
דיין תוכחה ווי דיין „אז ישיר“
איז גאָט׳ס כתב־יד, איז זיין מלאכה,
דו ביזט אין גאַנצען ריין און כשר.

טראַגעדיע

איך האָב דיך געזעהן אויף דער ביהנע
אין גאָלד און אין זילבער געקלייד׳ט,
אַ וואונדערבאַר שענע קנאַגינע
פון פאַזשען און דיענער בעגלייט.

די קרוין אויף דיין קאָפּ האָט געשימערט,
גערוישט האָט דיין זיידענע שלעפּ,
האָסט שטאָלץ, און אום קיינעם בעקימערט,
בעשטיגען די מאַרמאָרנע טרעפּ.

נאָר הינטער דער סצענע פערביטערט
מיט יאוש בעטראַכטענדיג דיך —
געשטאַנען געזיפצט און געציטערט
אַן עלענדער טרוימער בין איך.

כ׳האָב אין מיר געטראָגען די קוואַלען
און שטיל האָט גערעגענט מיין בליק,
אַזוי איז דער פאָרהאַנג געפאַלען,
דערמיט האָט געענדיגט דאָס שטיק.

די טויטע וועלט

דער טאָג איז קורץ, די זונן פערגעהט.
איך רייט ארוים אין פעלד אליין.
דאָך איך דערקען עס שוין ניט מיין.
אלסדינג איז וויים און דיק פערשנעעט!

גאָר טרוי'ריג קוק איך מיך אַרום.
די וועלט איז נאַקעט, הויל און פוסט,
געשטאָרבען זיינען פרייד און לוסט.
בית עולם'ם גלאַצען אומעטום!

אוואו דער גאָרטען האָט גענרינט,
דער בוים האָט חן'עוודיג געבליהט,
דער זאַנג געשפּראָצט, די רויז געגליהט,
דאָרט הערשען קעלט און פראָסט, און ווינד.

די טהאָלען שאַ, די בערגער שטום,
די פויגעל־נעסטען וויסט און לעער,
און די געליעבטע קומט ניט מעהר.
און שיינקט קיין שמייכעל און קיין בלום!

איך ציה די לייץ, איך רייט צוריק,
דער פערד געהט טריט אין טריט זיין גאַנג, —
צוריק! דאָס קראַנקע הארץ איז באַנג
און טרערען פילען אָן דעם בליק!

צו א פויגעל

זינג פויגעלע, זינג,
זיסע פריידען ברינג
און דערפריי די וועלט!
אַך, מיר זיינען באַנג!
ס׳האָט אַ ווינטער לאַנג
אונז דיין ליעד געפעהלט.

גים אַרונטער העל
פון דיין גאָלד׳נע קעהל
איבער אונז דיין טרוים!
איבער לאַנד און פלום
קלינגען זאָל דיין גרוס
ליעב פון יעדען בוים!

מינטער ליעבע אוף
מיט דיין זעעלען־רוף
מיט דיין הימליש ליעד;
וועק מיט דיין מוזיק
יענעם אויגענבליק,
וואָס פערגעסט זיך ניט.

צו...

עס ציט׳רען דיינע בריסט ווי וועלען,
וואָס פון די טיעפעניסען קוועלען,
פון ווילדען, קאָכעדיגען שטראָם,
די וועלען רוישען, ציהען, פאַנגען,
און נעהמען אָן אזוי ווי צוואַנגען
און שלעפּען מיך אַראָב צום תהום...

אַרטיסט צו זיין מאָדעל

שיין פאַר מיר ווי גאָטעס ליכט!
לייכט מיר אָהן א גוואַנד! —
ווי דיין הימעלשעס געזיכט,
ווי דיין ווייסע האַנד.

טראָגט די פרומע רויז א שלייער?
פלעקט איהר דען א העמד?
וועמען איז איהר הייליג פייער
און איהר בוזים פרעמד?

מוז די שענהייט זיין בעיאַקעט
און פערהילט די פראַכט,
ווען די קונסט פערלאַנגט זי נאַקעט
ווי פון גאָט געמאַכט?

שיין פאַר מיר אין בלויזער שענהייט
ווען דער גייסט געניסט! —
לאָך אַוועק די פאַלשע ריינהייט!
ווייז מיר וואָס דו ביסט!

דער פּתרון

עס גערהט אַ בחור מיעד און מאַט,
און בלייך, און קראַנק אַרום אין פעלד
און זוכט אין בוים און בלאַט דעם פּשט
אויף דעם, וואָס טיעף אין האַרץ איהם קוועלט.

דאָך זעה! ער טרעפט אַ זים געזיכט,
אַ שענהייט פונקט ווי אַבגעטאָקט.
און ער דערפיהלט גאָר אונגעריכט,
וואָס אין זיין אָר'מען בוזים נאָגט.

זעלדע און שולמית

איך קען צוויי שענע מיידלאך,
איך האָב — ווער ווייס די סיבה?
פאַר איינע נאָר בעוואונד'רונג,
פאַר ד'אַנדערע הייסע ליעבע.

און די, וואָס איך בעוואונדער,
בעזיצט פיעל שענ'רע פאַרבען
ווי יענע, וואָס בעהערשט מיך
מיט ליעבע ביז צום שטאַרבען.

די ערשטע מיט ענטציקונג
בעטראַכט איך, דאָך פערזיסען
מיין וועלט קען נאָר די צווייטע
איהר ליעבשאַפט צו געניסען.

פיעל חן שוועבט אויף די ערשטע,
עס לייכטען איהרע אויגען —
און דאָך האָט מיך איהר צויבער
צו נאָהנ'ט ניט צוגעצויגען...

איך וואָלט איהר קיינמאָל קושען,
קיינמאָל צו זיך ניט דריקען
עס קען איהר עדלע שענהייט
מיך גענצליך ניט ערקוויקען.

און ניט נאָר איז זי פּרעכטיג,
וואָס פּרעכט׳גער קען ניט געבען,
נאָר אויך די רייננסטע אונשולד
אין הימעל נאָר צו שוועבען...

דאָך ליעב איך ניט שולמית
און ליעב מיין זיסע זעלדע,
ווייל זעלדע איז לעבענדיג,
שולמית — א געמעלדע.

צו שפּעט

איך ליעב דיך, דו שענסטע פון אַלע
און וואָלט עס צו שפּעט ניט געשעהן,
דאַן וואָלסטו געוואָרען מיין כלה
און איך וואָלט דיין חתן געוועז.

דאָך איצט איז פאַרפאַלען דאָס ריידען!
עס געהט שוין אין סתרדות אריין!
עס וויל זיך די ע ר ש ט ע ניט שיידען,
און דו ווילסט די צ ו ו י י ט ע ניט זיין.

א יוגענד-חלום

ווי גרויסאַרטיג, ווי שטאָלץ דו ביסט!
ווער קען דיך איצטער בייגען?
איך זוך זייט לאַנג און זוך אומזיסט
דיין בליק אויף מיר צו נייגען.

איך ווייס, ניט איך וועל זיין דער העלד,
וואָס וועט דיין האַרץ בעצווינגען.
אַן אַנד'רער אויף דער ליעבעס-פעלד
וועט יענעם זיעג-ליעד זינגען.

ער וועט דיך ליעבען אונגעשטערט, —
ווי שרעקט דאָס מיך צו דיינקען,
וואָס דו האָסט לויבען מיר פערוועהרט
וועסטו איהם פריי פערשיינקען.

אַן אַנד'רער וועט דיין זיסען פראַכט
אַלס לעבענס פרייד געווינען,
דיין פראַכט, וואָס האָט מיר קראַנק געמאַכט
דעם קערפער און דעם זינען.

די קעניגין

ס׳איז דאָ אַ לאַנד, אַ וואונדער־לאַנד,
וואו די שענסטע, רייכסטע פּלאַנצען
אונטער בלאָע הימלען גלאַנצען,
און ס׳איז פריהלינג נאָכאַנאַנד;
וואו דורך קלאָרען, לייכטען עטהער
ציהט דער דופט פון רויזענבלעטער,
פויגעל זינגען,
ליעדער קלינגען,
קוואַלען שפּרינגען
אויף די וויזען פריש און גרין —
דאָרט איז דאָ אַ קעניגין
אין אַ קרוין פון טויזענד פאַרבען —
ווער עס ליעבט איהר דער מוז שטאַרבען,
דען איהר שענהייט
ווי איהר ריינהייט,
איז די זיסטע בלום וואָס בליהט,
און איהר קריעגען קען מען ניט.

ליעבע

עס שמייכעלט פון דיין קאָפּ
דער שענסטער טרוים אראָב;
עס בליצען פון דיין בליק
די יוגענד און דאָס גליק;
עס כשופ'ט פון דיין ברוסט
די העכסטע ליעבעס לוסט;
עס צויבערט פון דיין שוים
אַ זיסער גוואלד אַרוים,
דיין גאַנצער גוף איז פּראַכט,
אַ העלע זילבער־נאַכט.
און מעהר איך קוק אויף דיר
אַלץ וועהער ווערט דאָס מיר.

ע ל ו ו י ר

(אן אימיגראציאָנס־טראגעדיע).

דאָס איז שוין דער טאָג דער צעהנטער ,
פון דער ווייטען זעהט זיך לאַנד.
ס'לאָקט דער זיים דער אונבעקענטער,
און די שיף זי רוקט זיך נעה'נטער
צו אַמער'קא'ס פרייען שטראַנד.

האָך, דו ערדישער גן עדן!
לאַנד פון פרייהייט, זיי געגריסט!
לאַנד פון פריעדען און פון פריידען
יעדער זעעלע מאַכסטו ריידען,
שלום רופט דיר איד און קריסט.

שלום יענע אין די קברים,
וועלכע האָבען דיך געמאַכט
פריי און גלייך פאַר רייך און אָרעם!
מזרח, מערב, צפון, דרום
בענשט דיין אונבעפלעקטע פראַכט.

ווער געדיינקט דען ים און אינדען,
פרייהייט, זעהענדיג דיין פּאָרט?
טוידט־סכנות, ווילדע ווינדען,
ווייכען פון געדאַנק און שווינדען
ווען מען הערט דיין גרויסען וואָרט.

און דאָס איז דער טאָג דער צעהנטער,
באַלד געענדיגט איז דער וועג.
גרין דער זוים דער אונבעקאַנטער,
און די מידע קומען נעה׳נטער
צו דעם לאַנג בעגערטען ברעג.

מחנות פויגעל גריסענד פליהען
פון דעם באָרטען צו די שיף.
אויגען שטראַהלען, הערצער גליהען
און די האָפענונגען בליהען
אין דער זעעלע ווייט און טיעף.

די פערוואָגעלטע זייט יאָהרען
צעהלען פריידיג יעדע מ׳נוט,
לאַנג געוואָרט און שווער געפאָהרען,
דאָך מען איז בעגליקט געוואָרען.
און אַ שמחה טרייבט דאָס בלוט.

דער פאָהרט זעהן זיך מיט משפחה,

יענער, עלענד ווי אַ שטיין,
צו פערבעס'רען זיין מערכה
אין דעם לאַנד פון גליק און ברכה
פאָהרט צו פרייהייט נאָר אליין.

דאָך פון אלע פּאַסאַזשירען
איז די גליקליכסטע עלוויר,
ווייל זי פאָהרט צום חתן איהרען,
ווער עלכער וועט מיט איהר שטאָלצירען —
ווער עלכער האָט געשיקט נאָך איהר.

איהר געזיכט איז קלאָר און ליכטיג,
און די לאָקען איהרע שוואַרץ.
איהרע האַלטונג ריין און ציכטיג,
איהרע גליעדער קונסטפול ריכטיג
און זי נעהמט אַ יעדענס האַרץ.

פראנקרייך'ס ליעבע ערד פערלאָזען,
אלטע עלטערען אין צער.
אַך, ווי זים די ווינטלאך בלאָזען
צווישען איהרע היימ'שע גראָזען!
דאָך זי קומט צו איהר לאָזאָר.

„ביי דעם הימעל און די שטערען

שווער איך הייליג דיר, עלוויר,
דאָס איך וועל אין האַרצען גערען
טראָגען דיינע פּערל־טרערען
ביז, מיין ליעב, איך שיק נאָך דיר“!

„מוז דער שיקזאל מיך פערטרייבען
זוכען מזל איבער׳ן ים,
וועל איך דיר מיין בייגקען שרייבען,
ועסטו דאָך אין מיר פערבלייבען
מיין נשמה׳ס ריינסטער פלאַם“.

און ער האָט געקושט די וואַנגען
פון געזעגענען געבלייכט.
אָ, אַ צייט איז שוין פערגאַנגען!
נאָר ערפילט איז דאָס פערלאַנגען
און דער שענער טאָג דערגרייכט.

פון דער שיף דער שטרייך־אָרקעסטער
שפּיעלט דאָס ליעד „אַמעריקאַ“.
פרייהייטס־ליעד! דו שענסטער, בעסטער,
קלינג! דיין אינהאַלט איז דער גרעסטער,
דריי מאָל האָך, הוררא! הוררא!

הויך ערגלאַנצט די „פרייהייטס־געטין“

אויף איהר שטאָלצען פעדיסטאל. *)
יעדען גאַסט אַריין צו בעטען,
פרעמדע אין איהר שוים צו רעטען,
צו בעלייכטען מיט איהר שטראַהל,

שיינט זי ווי אַ פריעדענס וועכטער
ביי די גרויסע אָפ'נע טהיר,
וואו עס הערשט קיין גייסט קיין שלעכטער.
ליעבליך שמייכלען פראַנקרייך'ס טעכטער:
די סטאַטוע און עלוויר.

אויפ'ן דעק די פאַהרער שטעהען,
ביי דעם האַפען וואַרטען פריינד,
דאָך פון ערשטען קלאַס נאָר געהען
מענשען אין געפוצטע רייהען,
נאָר די רייכע לאַנדען היינט...

און די אָר'מע? די געדריקטע?
ווען פאָרט לאָזט מען זיי אַראָב?
זיי, פון וועה און זאָרג געקניקטע,

---

*) די „פרייהייט געטטין“ אין דעם פאָרט פון ניו יאָרק איז אַ ריעזיגע קופערנע פיגור מיט אַ שטורקאַץ אין האַנד. דיעזע סטאַטוע איז אַ מתנה פון פראַנקרייך צו איהר שוועסטער רעפובליק — אַמעריקא.

אין דעם צווישען־דעק געשטיקטע?
פרייהייט שאָקעלט מיט'ן קאָפּ!...

„גייסט צו ליעבען, קראַפט צו שאַפען
דאַרף ניט מעהר די „נייע וועלט".
ביי דעם פיעל־בעזונג'נעם האַפען
קרעכצען הונגעריגע שקלאַפען,
וואָס מען דאַרף דאָ נאָר איז געלד"!

„געלד איז פרייהייט, געלד איז גלויבען,
געלד איז ליעבע, געלד איז גליק.
דאָס איז דער בעפעהל פון אויבען.
קלאַפּסט אומזיסט אין אַלע שויבען,
האָסט קיין געלד, טאָ פאָהר צוריק"!

און עלוויר פערמאָגט נאָר ליעבע,
ריינע ליעבע אָהן אַ מום.
אך, ווי אונגערעכט די סיבה,
וואָס צושניידט איהר ברוסט די טריבע
מיט געוואַלד און ברייננגט זי אום!

„לאָזט עס"! בעט זי „לאָזט עס וויסען
מיין געליעבטען און ער צאָהלט!
כ'קען ניט זיין פון איהם געריסען,
פון מיין ליעבען, פון מיין זיסען,
לאָזט! ער גיט פאַר מיר זיין גאָלד"!

דאָך זיי לאָזען איהר ניט לאַנדען
און ניט מעלדען איהר געשיק.
עס איז אַ געזעץ פערהאַנדען...
און מיט אַנד׳רע אַרעסטאַנטען
ווערט זי אָבגעשיקט צוריק.

דאָס איז שוין דער טאָג דער צעהנטער.
פון דער ווייטען זעהט זיך לאַנד,
שען דער ברעג דער לאַנג בעקענטער
און די שיף זי רוקט זיך נעה׳נטער,
נעה׳נטער אַלץ צו פראנקרייך׳ס שטראַנד.

און עס בליצען אויף די אויגען
ביי עלוויר מיט ווילדען שיין.
צום פאַרענטש ווי צוגעפלויגען
איז זי און ווי פייל פון בויגען
אין דעם טיעפען ים אַריין.

* * *

האָך אַמעריקאַ! גן עדן,
לאַנד פון גלייכהייט און פון רעכט.
לאַנד פון פריעדען און פון פריידען,
יעדע זעעלע מאַכסטו ריידען
ווי דיין פרייהייט איז פערשוועכט.

א באָרהאַפטיגע ווערבע

א באָרהאַפטיגע ווערבע צווישען גרינע יעגלעם דאָרט.
אין בשמים־בלעטלאך שטיפען ווינטלאך אום.
וואָס ביסטו שטום?
וואו זיינען דיינע צעפּ די גרינע?
דו אומעטיגע קייזערינע!
דו באָרהאַפטיגע טרויער־ווערבע אין דעם שענסטען אָרט!

פערניכטענדע, צודולטע גייסטער פון דער ערד, אָ, זאָגט!
פאַרוואָס האָט איהר דעם וואַלד־געדאַנק צושטערט?
פאַרוואָס, אָ, ערד!
וואו זיינען, ווערבע, דיינע לאָקען?
עס קוקט די נאַכט דיך אָן צושראָקען.
דו באָרהאַפטיגע כלה פון דעם טהאָל, דיין אומעט קלאָגט!

מיין רויז איז אליין

א סאַמעטען ווינטעלע לאַסטשעט די פעלדער
אין פאַרביגען חן.
אַן אָטהעם אַ מילדער ווי קטורת צולאָזט זיך,
מיין רויז איז אַליין.

עס ציטרען די זיידענע שאַטענס און ציטרען
אויף טוי טראָפּענס קליין.
אין קלאָר ווייסע שלייערס שפּאַצירט די לבנה,
מיין רויז איז אַליין.

ווי זילבערנע גלעקעלאך קלינגט אין די בוימער
אַ פויגעלס געוויין.
עס מורמעלט דער איינזאַמער גייסט פון די וועלדער,
מיין רויז איז אַליין.

הירֹאָגליפען...

מיין בליק פערטשעפּעט זיך ביי איהר אָן פענסטער,
פּיעלייכט אַ ליעבער וואונק, אַ זיסער שמייכעל!
דאָך פּערל־הירֹאָגליפען אויף די שויבען:
עס האָט דער רעגען דאָרט אַ סוד פערשריעבען...

ענטציפער זיך דו ליעבעס סוד!

וואָס טהוט מיין ווייסע האַרצענס־פירסטין איצטער?
זאָג! קאָמט זי ניט די שוואַרצע שטראַהלען
אַרום איהר זוניג ליכטיג פּנים?
מיין נשמה איז איהר קאָם...
פערשפּיעליעט זי ניט איצט איהר בוזים
מיט קליינע מוטער־פּערלנע שטערען?
דאָס זיינען מיינע טרערען...

זאָג! האוכען ניט די רויזען איהרע
פאַרפומיג דורכ׳ן שלאָף מיין נאָמען?
דאָס איז מיין חלום...
זאָג! ליעגט זי ניט אין שטילען, דונקלען קבר

אויף דעם בית־עולם פון מיין יוגענדס האָפנונג
בעוואַקסען מיט בלויע און רויטע בלימלאך ?
מיינע ליעדער !

ענטציפער זיך דו ליעבער סוד !

א דונקעלע נאכט

אלט און קארג, מיט טיעפע שנאה
בליקט דער הימעל אויף דער וועלט.
ב'האלט די שטערען מיט א מינע
ווי א קמצן ב'האלט זיין געלד.

אין דער פינסטער אויסגעצויגען
האלט ער זיין פערקרימט געזיכט,
קוקט זיך בלינד די דונק'לע אויגען,
זשאלעוועט א ברעקיל ליכט...

נאר די ליעבליכע לבנה
פויזעט בארוועס און פערטוכט
דורך די וואלקען אין סכנה
פאר דעם אלטענ'ס אייפערזוכט.

לאנגזאם וואנדעלט זי, מיט שרעקען,
גנב'עט זאכט איהר יעדען טריט,

מוז זיך יעדע מ׳נוט פערשטעקען,
דען דער אַלטער ליעגט און היט...

אונטען מיט אַ האַרץ אַ טריבער
שטעהט דער עלענדער פּאָעט,
ווינקט זי איהם און דעקט זיך איבער,
און קיין וואָרט ווערט ניט גערעדט...

פערשיעדענעס

צו דער מוזע

עפען, הימעל'ס טאָכטער פון געזאַנגען,
די ברילִיאַנט'נע טהויר'ען פון נגינה!
אייל זיך, שטראַהלען־רייכע וועלט־קניאַגינע,
מיך אין דיינע שלעסער צו עמפּפאַנגען!
שטים מיין האַרף אָן צו די העלסטע טענער!
איך זאָל אין די הייליגע געמעכער
פון דיין רייך, מיין האַרץ, דעם טיעפען בעכער
פון געפיהלען, צו דער זונן אַלץ העכער
הויבען, זינגען זיסער, ליעבער, שענער!
ווי אַ קאָהר פון כשוף'ס זעלט'נע קלאַנגען
זאָל מיין ליעד די ערד'ס געוואַלד בעזיעגען,
גייסטער און נשמות צום פערגניגען!
זאָל מיין גוסט ערשיינען יונג און ניי,
ווי אַ קינד'ס פאַנטאַזיע, ווי דער אָנהויב מאַי!

אויפ'ן שיף

דו יעדער שטעהט געגרייט דיין שיף
מיט די מאַסטען און די זעגעל,
ווידער וועלען אונטען טיעף
ווילד דעם רודער'ס שאַרפע נעגעל
רייסען דורך די פלוט אַ וועג
צו אַ ווייטען, פרעמדען ברעג.

דו ביסט ליידער אָהן געוויין
פון דער אַנדער זייט געבאָרען,
דאָך דו פאַהרסט ניט מעהר אָהין
אין דעם לאַנד פון בלוט און צאָרען.
רוסלאַנד טהוט דיר מעהר ניט באַנג,
האָסט נאָך איהר ניט קיין פערלאַנג.

בעהמען איז אַצינד דיין פּלאַן,
פרעמדקייט שוועבט אין דיין געדאַנקען —
פאַהרסט, פיעלייכט איז דאָרט פאַראַן
היילונג פאַר דיין גוף דעם קראַנקען.
דו ביזט נערוועז־שוואַך און מיד,
אָרמער זינגער פון דעם איד!

אלזאָ שטעהט דיין שיף געגרייט
אויפצווזוכען ווייטע וועגען,
אויף אַ וואַסער טיעף און ברייט
קוקט זי שטום איהר ציעל ענטגעגען,
ג'זעגען זיך מיט מענש און לאַנד !
דיך וועט פיהרען גאָטעס האַנד.

שיקזאַל

I

צוריסען האָט דער לעבענס־שענדער
דער שיקזאַל, מיינע היימאַטס־בענדער,
איך וואַנגעל אום אין פרעמדע לענדער
אויף שיפען און אויף באַהנען.
ביז וואַנען, גאָט, ביז וואַנען?

II

„שפּעטער, שפּעטער וועסטו קריגען"
זאָגט מיין מזל מיט פערגניגען
וועל איך צאָהלען, זיי געדולדיג
און פערשרייב וואָס איך בין שולדיג"!

אַך! איך האָב אויף טויזענד בלעטער
אָנגעשריבען שוין דעם „שפּעטער".
כ'שרייב, די האַנד ווערט מיר געשוואָלען
און דער שווינדלער וויל ניט צאָהלען.

מיט'ן וואַנדערשטאַב

זייט ג'זונד, שלעכטע מענשען! לעבט גליקליך! איך וואַנדער,
צום לעצטען מאָל הערט איהר מיך ריידען,
עס רייסט אונז אַ ביטערער שיקזאַל פונאַנדער,
פערפאַלען! מיר מוזען זיך שיידען.

מיר מוזען זיך שיידען! עס העלפט ניט קיין טענה,
פערוויסט לאָז איך איבער מיין וואוינונג —
איהר זוכט צו פערגעסען די נאַרישקייט מיינע
און איך — אייער בעזע בעלוינונג.

דען אָפט איז דער דיכטער געוועזען אַזוי נאַריש
פאַר אייך צו ערהויבען זיין קלאַגע,
און איהר זייט געוועזען אַזוי ווילד און באַרבאַריש
צו קוקען מיט שפּאָט אויף זיין לאַגע.

אויף אייער מזבח בלייבט ליעגען מיין קרבן:
מיין זעעלע איין עולה תמימה!
נאָר איך האָב קיין ליעבע ביי אייך ניט ערוואָרבען
און שוואַרץ קלעפּט אויף מיר אייער חתימה.

נו, איז זי געקומען, די שטונד פון געזעגנען,
איהר וועט מעהר מיין וועה ניט פערשפּאַטען, —
איך וועל אייער רשעות מעהר קיינמאָל בעגעגנען,
איהר בלייבט פאַר מיר טויט און פערשאָטען.

עס איז צו געווינען אייך מיר ניט געלונגען,
אומזיסט האָב איך אומגעבראַכט יאָהרען —
מיין ג'מיטה איז צובראָכען, מיין שטימע פערקלונגען,
פערניכטעט, פערגעסען, פערלאָרען!

דאָס האָרץ נאָר איז פול מיט די ביטערסטע צרות,
און יאוש פיללט אָן יעדען אבר.
אַן אייגענס צו האָבען אַזאַ בית הקברות
און געהן פאַר זיך זוכען אַ קבר!

נאַכט

גראָהע וואָלקען־טראַנטעס, שטיקער שימעל
הענגען אין דער סמוטנער לופט אַראָב.
ווי אַן אַלטער בעטלער שלאָפט דער הימעל:
צוגעדעקט מיט שמאַטעס איבער'ן קאָפּ.

וואַגאַבונדען־שאַטענס, וואַקלענד, שכור
בלאָנדזשען אין דער דונ'קלער ווייטקייט שטיל.
אַלע ווײלע ווערט דער חושך דיקער
און אַ טויט־שרעק טראָגט זיך אָהן אַ ציעל.

נאָר דורך גרויל און אימה קלאַפּט דער שומר,
פרעגענדיג די נאַכט: „היי, ווער איז דאָרט"?
מעלאַנכאָליע אָטהעמט אין די בוימער,
און די וועלט איז שאַ, מען הערט קיין וואָרט...

א קבר

דאָס איז ניט איך, דאָס איז מיין שאָטען, איך אַליין
בין ווייט פון ערדס געטומעל און געזשום.
אויף ווייטען פעלד איז דאָ אַ קאַלטער, שטומער שטיין
בײ'ם קבר פון מיין זוהן, דאָרט גערה איך אום.

דאָרט רוהט דאָס ליעבסטע און דאָס טהייערסטע, — מיין קינד!
איך הער זיין זיסע שטים אין דעם בית עולם־ווינד,
מיר דאכט, אַז דער בית עלמין־פויגעל מיט געוויין
גיט איבער מיר זיין גרוס און יעטווידע בית חיים־בלום
זיין ריינעם אָטהעם אָטהעמט, — הייליגע פּאַרפום!

אומזיסט

צוברעך די פען, דו אר'מער דיכטער,
פאַר וועמען זינגסטו דאָ דיין ליעד?
פאַר וועמען? אין אַ לאַנד פון טומעל,
וואָס קאָכט און רוישט ווי אַ יריד!

וואו מענשען לויפען ווי פער'סם'טע,
וואו נאָר עס ליאַרעמט, הילכט און שרייט;
וואו יעדער איינער שאַכערט, מאַכערט
און האָט קוים, קוים צו שטאַרבען צייט!

ווער דאַרף דאָ דיכטער און פּאָעטען?
פערלאָרען ווערט דאָ דיין געזאַנג,
אין דעם צומישטעטן ים פון האַנדעל,
צווישען די טאַלער'ס וויסטען קלאַנג?

דו האָסט אַ פנים ווי משוגע
ביי דער פערקויפטער, פאַלשער וועלט.
דאָ האָט מען פיינד געצעהלטע זילבען,
דאָ ליעבט מען נאָר צו צעהלען געלד!

ביים ברעג וואַסער

א דינער שאַטען ציטערט אויף דער באָקשאַ.
די זילבער־בערד׳גע פישער פאָהרען
אויף איהרע דראָבנע, אָבענד־שטילע וועלען —
דעם פאַנג דעם נאַכטיגען צו מאַכען.
עס קוקט דער מאָנד און איך.

עס רודערען די וועסלעס אין דעם וואַסער,
דער נעץ, ער פאַלט אַלץ טיעף און טיעפער.
קריסטאַלנע שופּען בליצען דורך דעם דונקעל.
אָ, שענע קינדער פון די פלוטען!
עס קוועלט דער מאָנד און איך.

אַלץ ווייטער גענען שוואַרצען זוים פון וואַלד־באַרג
פערלירען זיך די גראָהע שיפלאך.
איך זעה זיי קוים, און ביי די סמוטנע ברעגען
די זיסע דאָרף־נגונים קלינגען.
עס הערט דער מאָנד און איך.

מיין גרוס איך, פישער, אויף דער שטומער טיעפקייט!

מיין גרוס דיר, זאַנפטע דאָרף־קאַפּעליע!
די ווייכע נאַכט־לופט זויגט איין מיינע ברכות.
מיין זעעלע שיפט זיך אויף דער באַקשאַ.
עס שווייגט דער מאַנד און איך.

צו א קאָמפּאָזיטאָר

(צו א בעקאנטען מוזיק לעהרער אין וויען.)

עס האָבען מיינע אָר'מע ליעדער
האַלב־נאַקעט דורך די וועלט געשוועבט,
דאָך דו האָסט זיי מיט דיין נשמה
אַרומגעטוליעט און בעוועבט.

איצט פלאַמען זיי און זיינען הייליג,
און פליהען מיט אַ העכ'רען שוואונג.
צוויי מוזען קושען זיך און האַלזען
אין יעדע זילבע, יעדען קלונג.

צו א יונגען דיכטער

מיין פריינד, דיין ליעד איז הוילע שמאַלץ,
עס פעהלט דיר אויך קיין גראַם ניט,
דאָך איז דאָס ליידער קנאַפּלאַך זאַלץ
און האָט דערפאַר קיין טעם ניט.

ס׳איז ניט דעם קוגעל׳ס פעט׳ס אליין,
וואָס מאַכט זיך אונז בעלעקען,
עס דאַרף דער גייסט נאָך האָבען חן
און מוז מיט שבת שמעקען...

עס קלינגט און קלינגט ניט

די נאַכטיגאַל זינגט, וואָס זי פיהלט,
כ'האָב אויך אזוי געזונגען.
עס האָט מיר דאָס האַרץ ניט געשטילט
ביז כ'האָב מיין וועה צוקלונגען,
דאָך ווילע עס רוישט מיט אַ ראַש
מיין ליעד אין טויזענד שטראָמען,
דרום קלינגט דאָס מיר יעצט ניט אין טאַש,
אָבוואָהל עס קלינגט מיין נאָמען.

צו משה בלוי

דו ביסט דער ערשטער אין אַ פרעמדען לאַנד
צו מיר געקומען און געדריקט מיין האַנד,
און דיעזער וואָר׳מער „שלום עליכם“ דיין
האָט מיך ערקוויקט און דורכגעגליהט ווי וויין,
דען כשר וויין איז דיין געשעפט, מיין בלוי,
און כשר דיין האַרץ ווי דיין וויין גענוי.

קאַרלסבאַד, אויגוסט, 1908.

דער פּתרון פון לעבען

וראיתי את כל המעשים שנעשו תחת
השמש והנה הכל הבל ורעות רוח.
(קהלת).

דער טאָג איז פערשוואונדען, פון דונקעלע גרונדען
האָט שטיל אויסגעבונדען איהר שווייגען די נאַכט,
און שטום, און פערטראַכט, און פערטיעפט אין רעיונות
פון לעבענ׳ס געוואַלדיגע, שווערע חשבונות,
אין איינזאַמע שטונדען, ווי כשוף־געבונדען.
אַלם איך בין געזעסען און האָב האַלב געוואַכט —
האָט פּלוצלונג מיין ליכט זיך אליין אָנגעצונדען,
און איך האָב אַ האַנד אין דער לופטען דערזעהן,
זי האָט אַ פּאַפּיער מיט פיעל זיעגלען פערמאַכט
דערלאַנגט מיר, און מעהר איז איהר שפּור ניט געווען.
אַ שטימע נאָר האָב איך פערנומען גאַנץ זאַכט:
„איך האָב דיר דעם פּתרון פון לעבען געבראַכט.
דעם פּתרון פון לעבען, די אור־אַלטע פראַגע,
די אייביגע רעטעניש, אייביגע פּלאַגע,
וואָס מאַטערט די מענשהייט אַזאַ לאַנגע צייט,

אַצינד זאָלסטו וויסען וואָס לעבען בעדייט.
ניט מעהר זאָלסטו גריבלען און פינסטערנים פליעגלען,
דאָ האָסטו דעם אמת, נו, עפען די זיעגלען״!...

דעם פּתרון פון לעבען, וואָס טויזענדע שטרעבען
זיין ענטפער צו געבען, דאָס האָב איך אַצינד!
איך ערדען־קינד האָב דאָס די זכיה צו וויסען
דעם סוד, וואָס האָט וועלטען מיט מוחות צוריסען;
דעם ציעל פון דעם קומען, דעם ציעל פון פערשוועבען,
דעם צוועק פון דעם זיין דאָ, פון לייד און פון פיין דאָ
נאָך וועלכען מיר פאָרשען און בלייבען אַלץ בלינד!
אַ סוף צו די נאַרישע תירוצים, וואָס וועבען
אין קאָפּ נאָר אַ טומעל פון רויך און פון ווינד!
אָ, געטליכע שטימע! ווי האָב איך פערדיענט
די גנאָד, וואָס וועט ענדליך מיין צוקונפט פערזיסען?
און אָט ברעכט אַ זיעגעל! אַ צווייטער! אַ דריטער!...
דאָך וואָס זאָל בעדייטען מיין איינגסטער ציטער?
געלעזט מוז ער ווערען, דער רעטזעל געשווינד,
דען אייביגער צווייפעל איז וועהטאָג און זינד!
און איך האָב צובראָכען די זיעגלען... און... וואָס?!
— — — — — — — — — — — — — — — — —
אַ בלאַנקער פּאַפּיער, קיין איין איינציגער אות!...

דער שלעכטער געשפּאַן

אייך איז די מעשה ג'ווים בעקאַנט
פון אַלטע, אַלטע צייטען:
עס שטעהט אַ וואַגען איינגעשפּאַנט
מיט פערד פון אַלע זייטען.

אַ יעדער פערד שטעהט מיט'ן קאָפּ
אין אַ בעזונדע'רע ריכטונג
און שלעפּט, און ציהט, און לאָזט ניט אָב
און הירזשעט מיט פערניכטונג...

די פּאַסאַזשירען שרייען „פאָהרט"!
און יעדער פערד וויל לויפען,
דאָך שטעהט דער וואַגען אויף אַן אָרט
און געהט ניט בשום אופן.

נו, שרייט דאָס ווידער „ס'טייטש"? און „ס'טייטש"?
מיר קענען דאָ ניט בלייבען"!
דער פוהרמאַן ניצט אומזיסט די בייטש,
עס העלפט איהם ניט קיין טרייבען.

עס שפּרינגען אין דער הויך די פערד
פערקאָכטע און צוהיצטע,
זיי שפּאַלטען אונטער זיך די ערד
און בלייבען שטעהן פערשוויצטע.

איהר האָט דאָך ג׳ווים די ענד געהערט,
איך דאַרף דאָס אייך ניט זאָגען —
עס האָבען סוף כל סוף די פערד
צופליקט דעם אָרמען וואָגען...

געטער

עס האָבען אויך די גרעסטע געטער
ענדליך זייער שוואַרצען „שפּעטער“.
זייער מאַכט און זייער צויבער
ציהען מעהר ניט צו קיין גלויבער,
ס׳וויל די וועלט פון זיי ניט וויסען
און זיי ווערען אָבגעשמיסען...

זיי פערלירען זייער עהרע,
זיי׳רע הימלען בלייבען לעערע
ביז עס קומען אנד׳רע קרעפטען
איבערנעהמען די געשעפטען
אלם דער מענשהייט׳ס ניי׳סטע רעטער
שטאָט די באַנקראָטירטע געטטער.

דער מענש

ווען דיך דריקט אַ שווערער יאָמער,
ווען דו ווערסט פון ווייע געקוועלט,
מיינסטו אַז עס איז ניטאָ מעהר
ווי יסורים אויף דער וועלט.

ווען דיין האָפנונג פאַלט אַרונטער
אַ פערבלוטיגטע צו דר'ערד,
דאַכט זיך דיר, אַז אַלץ געהט אונטער,
קיין זאַך האָט ניט מעהר קיין ווערטה.

ווען דיך טרעט דאָס ביט'רע לעבען
און פערכמאַרעט דיר דיין בליק,
און דו קענסט קיין ראַטה זיך געבען,
און דו פאַלסט בעזיעגט צוריק;

זעהסטו נאָר ווי וואָלקען יאָגען
זעהסט פון ליכטיגקייט קיין שפור —

בערג און טהאָלען הערסטו קלאַגען
און פערגעהן זיך די נאַטור.
זעהסט פערלאָשען אַלע שטערען,
אונטערגאַנג פיללט אָן די לופט —
יעדער פויגעל גאָרגעלט טרערען
און דאָס אַלטע תהו רופט.

פון דעם הימעל די לאַזורע
קוקט דיר בלאַטיג אויס און ווילד,
אַ פערקרימטע, זוי'רע צורה
הענגט דאָרט דער לבנה'ס בילד.

און ווי דיר איז שלעכט און שלעכטער,
ווי דו ביסט צודריקט און שלאַף,
פלאַצטו אויס אין אַ געלעכטער
קוקענדיג אויף גאָט'ס בעשאַף.

לאַכסט מיט גאַל פון זיין מלאכה,
וועלכע איז פערפושט און דום.
זעהסט אין ערגעץ ניט קיין ברכה,
נאָר דורכאויס אַ גרויסען מום...

ווערסטו אָבער פלוצלינג גליקליך
און דיין גוטע שעה קומט אָן,
אָך, ווי לייכט און ווי געשיקליך
אַלעס טאַנצט מיט דיר אין קאָן!

אויך די טרויעריגע, טריבע,
ווײסטע נאַכט האָט פרייד און גלאַנץ.
אַלעס אָטהעמט ליכט און ליעבע
און די וועלט איז יונג און גאַנץ.

הלל זינגסטו מיט התפּעלות
צו דעם גרויסען אַרכיטעקט,
וואָס זיין פּלאַן איז פול מיט מעלות
און זיין גרויסע קונסט־ווערק שמעקט.

זעהסט, ווי אַלץ איז אויפ׳ן דרעקסעל,
אויסגעטאָקט מיט טויזענד חן,
און דו פיהלסט ניט ווי דער וועקסעל
ארבייט זיך אין דיר אליין...

דער פייער

פריי נאָך שילער.

שרעקליך איז דער פייער,
ווען ער ווערט אַ פרייער,
קיין זאַך איז איהם טהייער
אין זיין ווילדען כעס,
הויז און שטאָהל, און שייער
פרעסט דער אונגעטרייער,
ער איז אונגעהייער
אין זיין משוגעת.

ער איז דער גיהנום,
מורא׳דיג צו זעהן איהם,
וועה איז דעם, וואָס קען איהם
ווען ער רייסט זיך לויז!
אַלץ וואָס ליעב און גערען
זעהסטו איהם פערצעהרען,
מיה, און קראַפט, און טרערען,
און ער לאָזט דיך בלויז.

ווען איז ווען דער פלאַקער
נעהמט זיך מיט זיין אַקער!
ביזט מעהר קיין „בן יקיר"
מיט דיין גאַנצע קראַפט.
זעהסט ווי דיין פערמעגען
ליעגט דיר וויסט אַנטקעגען,
חרוב דיינע וועגען —
האָסט אומזיסט געשאַפט!

נאָך דער גרויסער סיבה,
נאָר מיט בליקען טריבע
צעהלסטו דיינע ליעבע,
יאָמערסט אין דער שטיל...
דאַנקסט פאַר די, וואָס בלייבען,
געהסט נדבות קלייבען,
וויסט דעם מענשענס טרייבען
איז אַ פוסטער שפּיעל.

פאָרטשריט

מיר לעבען צו געפעהרליך שנעל,
מיר לויפען ראָש צום ברעג...
מיר מאַכען פון אַ יאָהר אַ תל
אין קורצע צוויי, דריי טעג.

ביי אונז איז צייט און שטח שפּאָט,
און קיין זאַך מעהר צו גרויס,
מיר ווילען איבעריאָגען גאָט,
פון זיין רשות אַרויס...

דורך וואָלקען טראָגט אונז דער באַלאָן,
און דורך דער ערד — די באַהן,
אין הימעל פלאַטערט אונזער פאָהן,
אין טיעפען אָצעאַן...

מיר איילען, יאָגען אָהן אַ צוועק,
מיר לויפען אָהן אַ מיין,
מיר ווילען כאַפּען יענעם עק,
וואָס הענגט אָן אונז אליין.

אַ חבר

ניט דער איז דיין חבר, וואָס קומט דיינע פריידען,
דיין גרויסען פערמעגען דיר אויסהעלפען צעהלען.
דיין חבר איז דער, וועלכער קומט דיינע ליידען,
דיין ביטערען שיקזאַל זיך העלפען דיר טהיילען;
וואָס רייסט זיך אַדורך דורך אַ האָגעל פון שטיינער,
וואָס פאַלען אויף דיר פון אומזיסטיגע שונאים,
וואָס קומט צו דיר דאַן, ווען עס קומט צו דיר קיינער
און וועקט אויף אַ האָפנונגס־פאַרב אין דיין פנים.
אָט דער איז דיין חבר, אויף איהם קענסטו בויען,
יא, איהם קענסטו דרייסט דיין נשמה פערטרויען,
אַ מלאך איז ער אין געשטאַלט פון אַ מענשען,
פון הימעל געשיקט דיך צו שירמען און בענשען.

נאַטור׳ס נקמה

און האַסטו געגען די נאַטור פערבראַכען,
זי וועט זיך רעכענען מיט ווילדען גוואַלד.
זי צאָהלט דיר שפּעטער. אויב זי צאָהלט
ניט באַלד,
און מעג געדויערען דאָס טעג און וואָכען.
דער בעזע לוסט פערפאָלגט די בעזע שטראָף,
יאָ, זיס דער אָנפאַנג, ביטער איז דער סוף.

דורך העלע ברילען

װען דו ביסט פערשוואַכט פון יאָגען
אונ דיין קאָפּ איז מיעד, צוטראָגען
אונ דאָס האַרץ איז דיר בענומען
אונ די אויגען איבערשוואומען,
האָב קיין צער!
דען דו ווייסט ניט וואָס דער „מאָרגען"
טראָגט פאַר פרייד דיר שטאָט דיין זאָרגען.
וואָס די נייע זונן קען געבען
פאַר אַ גליקען דיר אין לעבען.
זיי קיין נאַר!

ווען דיין ליעבע לאָזט דיך איבער
אונ דו ביסט קיין גרויסער גבור
צו דער׳הרג׳ענען דיין יאָמער,
זאָג ניט: „אוים! איך בין ניטאָ מעהר"!..
האָפּ אונ האַר!
לעבסטו, ועסטו ליעבען וויעדער...
לייג זיך ניט אַליין אַנידער
אויף דער טהרה־ברעט בעצייטען!

בלייב אַ מענש און ענדיג שטרייטען!
זיי קיין נאַר!

ווען דו זעהסט אפילו ווינקען
דעם בית עולם, דו מוזט זינקען
אין זיין שוים און בלייבסט בעטראָגען,
זאָלסטו אויך נאָך ניט פערצאָגען
בלויז דערפאַר,
וואָס דו קענסט בעשטימט ניט שווערען
אַז פון דיר וועט גאָר ניט ווערען,
מעגליך, אַז דיין גוטען נאָמען
וועט דער קבר ניט פער'תהום'ען.
זיי קיין נאַר!

זיי קיין נאַר, דען האַרבע שאלות
זיינען ניט קיין גרויסע מעלות
סיי ווי סיי אויף אונזער שטערען...
קיינער וויל דיין ווער ניט הערען
און דיין גזר.
זעה דעם וועקסעל אין דעם וועטער!
זעה! ער ווייזט דיר, אַז דער „שפעטער"
דאַרף ניט זיין ווי דער „אַצינדער"...
געה. ניט דורך די וועלט אַ בלינדער!
זיי קיין נאַר!

ראַשעל

(אויף דער פרוי פון מיין פריינד י. גאָלדבערג).

אט דאָ האָט זי געטרוימט, געהאָפט, געליעבט,
די הייסע מוטער און געטרייע פרוי,
וואָס איהר נשמה־גוטסקייט האָט ווי טוי
איהר קרייז בעציערט און וועה, און נויט פערשיבט.

איהר אָרט איז פוסט, איהר שאָטען אָבגעווענד'ט
און דאָך ווי לאַנג צוריק האָט זי געלעבט!
אָך, פיעל צו פריה האָט זי פון אונז פערשוועבט!
אַ סך צו גיך האָט גאָט איהר ליכט פערלענד'ט.

זי איז שוין דאָ ניט מעהר מיט אונז פאַראַן!
איהר זעעלע רוהט יעצט אין אַ בעסערע וועלט.
איהר ליעבשאַפט פעהלט אונז אַלעמען, זי פעהלט
איהר פאָלק, די פריינד, די קינדער און דעם מאַן!

זי פעהלט איהר היים, דער צדקה און דעם דור,
די „אשת חיל", גאָטעס בליק אויף דר'ערד!
זאָל דיעזער שיר פעראייביגען איהר ווערטה,
וואָס איז ווי זונשיין ריין, ווי לעבען וואָהר.

שנײדערײ...

סאַטירע, הומאָר און פּאָלעמיק.

הפקר פּעטרישקע

ער האָט דאָ אי הייזלאַך, אי ברייזלאַך געהאַט,
מסחרים פון יעדען כאַראַקטער —
איצט דרוקט ער פאַר אידען אַ כשר'ע בלאַט
און ער איז אליין דער רעדאַקטער.

ער קען ניט קיין אידיש, קיין ענגליש, קיין דייטש,
ער איז אַ גראַביאַן מיט די ביינער —
סך הכל נאָר טויג ער צוהאַלטען אַ בייטש
און פיהרען אַ וואָגען מיט שטיינער.

נו, זאָג איך איהם: פּעטרישקע, לאָז דאָס צורוה!
דו האָסט דאָך קיין ברעקעל בעדייטונג —
ווי קומט אזאַ טרפה'ר עם הארץ ווי דו
צו ווערען דער קאָפּ פון אַ צייטונג?

וואו ביזטו אַ שרייבער? וואָס האָסטו פערפאַסט?
ווי קומסטו צו ניצען אַ פעדער?
און ווילט זיך דיר שמירען, טאָ שמיר ווי דיר פּאַסט:
מיט סמאַלע אויף טרוקענע רעדער.

דאָך פּעטרישקע לאַכט זיך פונאַנדער: „דו נאַר!
איך וועל אַ רעדאַקטאָר פערבלייבען.
וואָס טויג מיר השכלה? איך דאַרף דאָס ווי צער,
אַבי נאַר געזונד, מען וועט שרייבען.

„איך דינג מיר שרייבאַרעס און גיעב זיי געהאַלט,
און טשעפּע זיך צו צו אַ קלייזעל.
אַ בלאַט, אַ רעדאַקציע, פּיש, פּיש, אַ גוואַלד,
ס'איז גלויב מיר ניט מעהר ווי אַ הייזעל....

„און פיהרען אַ הייזעל דאָס קען איך דאָך, האַ?
האָב דאַכט זיך דעם עסק דערגרינדיגט.
כ'בעצאָהל אַ שרייבאַר ווי מיר לוינט זיך און שאַ!
ער טונקט שוין די פּען און ער זינדיגט".

ער האָט ניט גערעדט מעהר, ער האָט נאַר געלאַכט,
אַ געלעכטער וואָס פּאַסט פאַר אַ פאַקטער —
דער כלל, הפקר פּעטרישקע, האָב איך געטראַכט,
און פּעטרישקע בלייבט אַ רעדאַקטער.

די „געלע בלעטער"

א אומעדיגער נגון.

א וויסטער, טריבער וועטער,
עס שטארבען אוים די בלומען
און אויף די „געלע בלעטער"
וויל גאר קיין סוף ניט קומען...

און וואס דער הערבסט ווערט שווערער
מיט זיינע טעג די נאסע,
ווערט אלץ די „געלקייט" מעהרער,
ווי דומהייט ביי דער מאסע...

דאס שענע ליעד, דאס העלע
פערשטומט און קען ניט קלינגען...
ווי זאלען דען די „געלע"
בעגייסטערען צו זינגען?

עס נעהמט די קראה די לירע
דער גריל פערגעהט אין „טרעלען"

דאָס איז אַ „געלע“ שירה
פון וועלכע נאַרען קוועלען...

אָט דאָס קען הערבסט נאָר געבען,
ניטאָ קיין זיסע פאַרבען.
די האָפנונגען פערשוועבען
און אַלע פריידען שטאַרבען....

א „דאָקטאָר"

דאָס ווייסען שוין אַלע, דאָס איז מעהר קיין סוד
אַז טרעמבע'ס פּרנסה פּלעגט ליעגען אין באָד.
אין מרחץ פּלעגט טרעמבע קורירען די שטאָדט.
אַ „מומחה" געוועזען, אַ זנאָחער, אַ גאָט!
פּלעגט בריהען מאַזאָליעס, האָט פּימפּעלס פּעררעדט,
און כראָנישע בראָדעוועקעס קונציג פּערגלעט.
מערידען פּערשאָלטען און פּליכעס פּערפּלוכט
אָט וואו נאָר אַ צרה האָט איהם שוין געזוכט.

פּלעגט היילען מלמדים, זיי מאַכען פּאַר לייט,
פּאַר עכטע גבורים אין פינף מינוט צייט.
פּלעגט גאָלען פּאָטילניצעס, רייניגען בערד
און לייגען דעם „גילדענעם אָדער" אין דר'ערד
און שעטקעווען באַנקעס, צוהאַקען ווי קרויט
און שטעלען פּיאַווקעס און רייסען די הויט...
אַ בייסונג אין בוזים, אַ רייסונג אין נאָז,
געהיילט האָט דאָס טרעמבע כמעט מיט אַבלאָז.

דאָך ווען ער האָט אָפּט קיין חולאים געהאַט,
דאַן איז ער געוועזן אַ פּאַרסטשיק אַ כוואַט.
ער איז געווען איינער
צו רייבען די ביינער,
צו מאַכען אַ פּאַרע
גאָר פּשוט אַ כמאַרע!
דער רב האָט געקראַצט זיך, דער גבאי געשוויצט
און טרעמבע האָט טאַקע דעם בעזים גענוצט.

נו איז שוין אַ וואונדער אין אונזער תהום
וואָס ער איז אַ דאָקטאָר און האָט אַ דיפּלאָם
און „מומחה׳ט" אין „נעוויאָרק" און שרייבט „מעדיציין"
און פאָהרט אין אַ ברימשקע און פאָהרט ניט אַליין?
פון פאָרענט אַ ניגער, פון הינטען — די וועלט...
און אַלץ וואָס ער זוכט ביי אַ חולה, איז געלד...

דער עולם דער גולם,
ער ווערט ניט אין כעס —
ער לויבט איהם און גלויבט איהם,
און טרינקט זיינע קוואַס...
און סטעשע, ווי גנעשע,
טרומייטערט און קוועלט,
אַז נאָר דאָקטאָר טרעמבע
פערשטעהט וואָס איהר פעהלט...

נו, איז ער אַ „גדול". אַ קליינינקייט ע ר!
אַ יחסן אַ גרויסער, אַ חכם, אַ פּער!
אוי, דאָקטאָר, אוי, דאָקטאָר פון יענקים געגאַד,
הלואי וואָלט איהר בעסער פערבליבען אין באַד!..

דער פּאַנטאָן

דאָס איז דער ראָטגעג'ס סקווער־פּאַנטאָן,
דער שטאָלץ פון ראָטגער'ס סקווער,
אַ גרויסען דאַנק דעם גוטען מאַן!
אַ דאַנק דעם מיליאָנער!

זיין הארץ איז וואויל און קלוג זיין קאָפּ,
זיין שראַנק איז פול מיט געלד —
ער האָט געוואוסט, דער פילאַנטראָפּ,
וואָס אונז קבצנים פעהלט...

ער זאָל נאָר זיין געזונד און שטארק,
און גרויס זאָל זיין זיין לוין!
ער האָט אונז אונזער אַלטען מארק
געמאַכט פאַר אַ פּאַרשוין!

עס האָט פאַריז ניט, — אָהן אַ קלער!
קיין לאַנד אַזאַ מין פּראַכט,
אַזאַ פּאַנטאָן ווי ראָטגער'ס סקווער
פאַר אידעלאַך געמאַכט...

דאָרט שלאָגט דאָס וואַסער מיט אַ פּעטש,
עס שווימען אויפ'ן בויך
פערשיעדענע: אי הינט, אי קעטץ
אין עכטע טשאָלענט יויך...

דאָרט געהט עס דעם פּאַנטאָן ניט אָב
אין כשרות און אין פּוץ —
ער איז אַן עכטער קוגעל־טאָפּ,
געפּיללט מיט אַלל דאָס גוטס.

יאָ, אַלץ וואָס נאָר עס איז פאַראַן
אין דר'ערד און אין דעם מעער,
פערמעגט דער אידישער פּאַנטאָן,
אין מיטען ראַטגער'ס סקווער.

און וואָלט ער ניט געוועזען רונד,
דאַן וואָלט אין איהם, מיר דאַכט,
שוין לאַנג געוועזען ביז איצונד
אויך ציצית איינגעמאַכט...

נאָר ווייל דער נדבן איז אַ איד,
פון רעפאָרמירטען בונד,
דרום האָלט ער פון קיין ציצית ניט
און זיין פּאַנטאָן איז רונד...

נו, איילט זיך צו און קומט אַהער,
און גיט א שבח צו גאָט ! —
בעטראַכט דעם שענעם „ראָטגער'ס סקווער"
אַן אייגענס וואָס ער האָט !...

די רעפאָרמער

א נייע שוהל, דער סטענדער ניי,
גאָר שפּאָגעל נייע ליעדער,
דאָס ביסעל אידיש אויסגעמעקט
אין גאַנצען פון דעם סידור.

קיין רב מעהר, נאָר אַ פּרעדיגער,
אַ וואוילער יונג, אַ בחור,
וואָס שטעהט ווי אַ רעפאָרמער דאַרף:
צום ארון מיט'ן אחור.

דער חזן זינגט דאָרט ניט אַליין
און האָלט זיך ניט ביי'ם גאָרגעל.
איין שייגעץ זינגט אדון עולם,
דער צווייטער שפּיעלט דעם אָרגעל.

דער אָרגעל און די גוי'שע לייט
און דער שטודירטער קאַנטער,
און פינף, זעקס שענע שיקסעלאַך —
די זאַך ווערט אינטערעסאַנטער...

דער עולם קוועלט זיך דאָרטען נים
מען עפענט נים די פּיסקער,
דאָרט היט מען נאָר דאָס נויטיגסטע:
דעם קדיש און דעם יזכור...

צום סוף טרעט אויף דער פּרעדיגער
און מוסר'ט די קהלה,
ער דרשה'ט מיט א הוילען קאָפּ,
א נאַקעטען במחילה...

און ווייל ער זאָגט אָפּט מיט א פליך
גאַנץ גלאַט און פּיסקאַוואַטע,
קומט אוים זיין פּרעדיגט גלאַט אזו חויל
און מעהרסטענס פליכאַוואַטע...

א נייע שול, דער סטענדער ניי,
עס בליאַסקעט פאַר די אויגען.
אַט האָט איהר די רעפאָרמעריי!
און זאָגט, וואָס קען דאָס טויגען?

דעם שטן'ס צייטונג

(פאבעל).

דער בייזער, שווארצער שטן,
וואס האט נאר ליעב צו בראטען
מענשליכע נשמות,
וואס זוכט נקמות...
איז געפאלען אויף א פלאן
צו ווערען א צייטונג'ס מאן,
א זשורנאליסט.
דער אפעריסט
מיט העליש לוסט —
האט גוט געוואוסט
ווי וויים עס שאד'ט
א פאלשע בלאט...

נאטירליך איז געווען זיין מיין
די וועלט זאל מעהר פאראוים ניט געהן,
נאר קריכען, לויט זיין געשמאק,
צוריק ווי א ראק.

צוריק אין שמוץ, אין זומפ.
דער שטן איז אַלומפּ,
אַ לומפּ פון ערשטען ראַנג,
דען זיין פערלאַנג
איז אַלץ, וואָס ריין און גוט,
צו שלאָגען מיט זיין רוט;
צו בייסען ווי אַ הונד
גאַר אָהן אַ גרונד —
אַ יעדע מאַכט,
וואָס שרעקט די נאַכט.

דער שטן וויים אַ געשעפט:
ער האָט זיך גלייך בעהעפט
מיט ברואים פון כל המינים,
מיט ווערים, יאַשטשערקעס און כינים,
מיט שוואַרצע, רויטע און גרינע,
און האט זיי מיט גאַל און שנאה,
מיט פעפער און מיט יוכע
אָנגעפּיללט
און געזאָגט:
„געהט, נאָגט,
קריכט, בייסט, בילט,
איך גיעב אייך שליטה,
איהר זייט מיין סוויטע —
מאַכט אַ זאַוויערוכע!
אַלץ־דינג, וואָס האָט אַ ווערד
לייגט טיעף אין דר'ערד!"

אַ רויטער הונט אָהן צייהנער
איז באַלד געווען איינער,
באַלד אַ שלאַנג, באַלד אַ קאַטער,
און באַלד אַ פּיפּערנאָטער.
מען איז געקומען
מוכן ומזומן,
פאַרטיג, פער׳מחבל׳ט,
און יעדער
מיט אַ פעדער
האָט געגראַבעלט.

ס׳איז געווען אַ רעדאַקציע,
וואו די שוואַרצע פראַקציע
האָט דערזעהן אַ נס
צו טויטען דעם פּראָגרעס.
באַלד האָט אַ רעדאַקטער
אָהן אַ פונק כאַראַקטער,
פערדאַרבען און געמיין,
די טייפעלשקייט אליין,
די קוואַל
פון קויט און גאַל
און כף הקל —
ארויסגעפלאַצט „וויוואַט!
דאָ האָט איהר אַ בלאַט“...

ווען געדיינקט האָט דער שטן,

אַז זיין פּלאַן איז געראָטען,
האָט ער מיט אַ געטימעל
זיך געשטעלט געגען הימעל
צו בעווייזען דעם בורא,
אַז זיין וועלט איז קיין סחורה,
אַז דוקא די גוטע
זיינען ניט ווערט קיין פּרוטה,
אַז דער שענסטער אידעאַל
פערזינקט דאָ אין פערפאַל.
„בכן", האָט ער געדראָשען,
„מוזען ווערען פערלאָשען
זונן, לבנה און שטערען,
אַ תל עולם זאָל ווערען,
דאָס ליכט זאָל מען פערטרייבען,
נאָר די נאַכט זאָל בלייבען...

גאָט האָט די גאַנצע צייט געשמייכעלט
און האָט נאָכדעם געזאָגט גע'שכל'ט:
„איך קען דאָך דיך, דו מעפיסטאָפעל,
און דיין פערלאַנג, געמיין און שפל!
איך ווייס דאָך דיך און דיין עקשנות
און דיינע פינסטערע כונות;
איך קען דיין חברה, קען דיין באַנדע,
איך קען די גאַנצע שוואַרצע שאַנדע!
הער אויס, דו לומפּ, אין דיין מסירה
איז טומאה מעהר פאַראַן ווי יראה.

אַוועק, דו, בעזער גייסט, פון דאַנען!
מיין וועלט וועט שטענדיג פּאַראוים שפּאַנען.
פערשווינד, פערגעה מיט דיינע ציפער,
דו נאַכטיג העסליכער לוציפער!
געה, שמיר דיין חוצפה, שמיר דיין ליעגען
דעם הימעל וועסטו ניט בעטריגען.
אַוועק, דו אַבשוים פון דער בריאה!
נעהם צו דיין גיפטיג, ווילדע זריעה,
איך וועל דורך דיר, איך בין דיר ערוב,
מיין שענע ליכט ניט מאַכען חרוב,
קיין מענשענפריינד ניט געהן בעשטראָפען,
איך זאָג דאָס דיר, און זאָג דאָס אָפען".

— — — — — — — — — — — —

„נו מילא האָב איך ניט געטראָפען"!
האָט גלייך דערלאַנגט אַ זאָג דער שטן, —
„איז דוקא איצט מיר ניט געראָטען,
איך וועל פּאַר צרות ניט קראַפּירען,
איך וועל אַ צווייטען מאָל פּראָבירען"...

דער חדר

(אַ מעשה'לע פון די קינדער־יאָהרען).

אין אַן ענגען, דומפּפען חדר,
וואו עס קוועלט זיך דער מלמד
אין אַ טרויעריגען מעמד
און ער מאַטערט זיך כסדר.

וואו עס שפּרייט זיך די גמרא
און דער צעבער שוימט מיט גדולה,
גאַנץ געוויס צוליעב אַ סגולה,
און עס שמעקט אַזש קיין עין הרע...

וואו די ציעג צוקייט דעם סידור
און די רביצין די ברכות,
וואו דאָס קנעלען ברייננגט קדחת
און דער האָהן איז קידער־ווידער;

אין דער דאַזיגער קאַנורע
מיט דער אומעטיגער צורה —

איבעריג ניט נוציג,
שווארץ, פערפוילט און שמוציג,
האט געהונקען
און געוואונקען
יענער ביינקעל פון בערוף.
וואו די קינדער פלעגען ליעגען
צום מלמד'ס פערגעניגען —
מיט די „קעזיקלאך" ארוף.

א, ער איז געווען א כעסן
דער מלמד, קיין קאטאוועס!
א כערליאק, א שטיק בן מות,
און האט נאר געליעבט צו שמייסען,
אבער שמייסען מיט'ן טראפ.
ער פלעגט שמייסען און זיך וויעגען
מיט א מעבר סדרה־נגון —
און די קינדער פלעגען צאפלען,
אז די רביצין פלעגט מפל'ען
פון די קולות און די שרעק
און דער רבי פלעגט אוועק
אבגע'פטר'ט
און פערמאטערט,
און פלעגט פאלען ווי א סנאפ...

איינמאל ווי ער זיצט און קנעלט
האט זיך פלוצלונג איהם פערוועלט,

אבצושמייסען יענעם אינגעל
מיט דעם פייערדיגען צינגעל, —
יענעם שטיפער פאר א שפיצעל
און ער רוקט שוין אן דעם מיצעל,
און זיך געבענדיג א קווינקעל
שלעפט ער שוין ארוים דעם ביינקעל,
הייסט דעם אינגעל שטיל זיך לייגען
און דעם „קעזיקיל" פערבויגען,
און מגלה זיין דעם מקום
וואו מלמדות האט עסקים...

יא, דער רבי האט בעפוילען,
פאלגט דער אינגעל די התראה,
מילא ווייזט ער איהם גאנץ פוילען...
קוק זיך, טראכט ער, האב הנאה...

אויב דאס קוויקט דיר אין עניות
וועל איך דאס דיר שטענדיג ווייזען...
נא, און קוק און, שעפ דיר חיות.
אמת, עס איז טאקע מיאוס,
דאך ניט זוך מיר דארט קיין גרייזען...

נאר דער חדר וויל שוין וויסען
אויב דער קונדס וועט זיך לאזען,
כאטש דער רבי איז פערביסען
און דער קאנטשיק אנגעבלאזען.

אָך, ער איז דאָך זייער „קיסר“!
און מיט הערצלאַך המן־קלעפּלאַך,
שושקען זיי זיך שטיל בסתר
און זיי וועטען זיך אין קנעפּלאַך.

ס'קרייט דער האָהן, די ציעג קייט „נח“,
קינדער חזר'ן משניות,
דער מלמד מאַכט הויות
און ער נעהמט זיך אָן מיט כח.
דאָך דער רביצין'ס שטאַרע בליקען
קוקען ווי עס ליעגט זיך מאַטקע
אויפגעקאַשערט די קאַפּאַטקע
און זי קען שוין מעהר ניט שטריקען...

לאָזט אין זאַק דאָס לעצטע אויגעל,
אונטערען האַרצען פּיהלט זי וואַרפט זיך...
און אַ שטילער וועהטאַג שאַרפט זיך,
יאָ, זי קען דעם טהייערען פויגעל...

דאָך ר' יענקעל מלא חמה,
ווי אַ המן, קאַכט און רעשט דאָ
מיט'ן טאָן פון „מהפך פשטא“,
אַז עס נעהמט אַזש אָן אַ אימה...
„ליעג, דו שייגעץ, וויים זשע איצטער
ווי מען לערנט ביי אַ רבין...

איצט וועל איך דיר טאַקע געבען״,
זאָגט דער „גזלן״ אַ פערשוויצטער,
„איצט וועסטו דאָס טאַקע האָבען״!

דאָך מיט איינמאָל פליהט דאָס ביינקעל,
אַז צוציטערט ווערט ר׳ יענקעל,
און עס גיט אַ שפרונג דער קונדס
ווי אַ טוץ צושאָס׳נע שפונדעס:
„שווייגט, ר׳ יענקעל, הערט אויף גרעפּצען!
„האָבען״ נעבאַך דאַרף די רבצין...
לויפט געשווינד און רופט דער באָבען״.

די וועלט

די וועלט איז אַ קוה,
וועלכע בריקעט, אַן אימה!
אַ מילך־קוה אפילו,
נאָר דאָך אַ בהמה.

דורך מיה און דורך שרעק,
דורך ריטשען און ברומען
נאָר קענסטו די מילך
אין שעפעל בעקומען.

און האָסטו שוין פול...
טאָ, ברודער, ניט פריי זיך!
דען גלייך גיט די קוה,
די ווילדע אַ דריי זיך.

און וועה דיין געמעלק
און וועה דיינע ציינער!
דו לויפסט פון דעם שטאַחל
קוים, קוים מיט די ביינער...

דער מערטירער

ווען לעבען וואָלט געווען אַ האָהן,
וואָלט איך ניט קלערען וואָס צו טאָן
און גלייך געענדיגט אַלע צרות:
איך וואָלט געכאַפּט איהם איינס און צוויי
און פאַר די פים דערלאַנגט אַ דריי
און אָבגעשלאָגען שנעל כּפּרות.

און ווען די וועלט וואָלט זיין ווי געלד,
וואָלט איך מיך אויך ניט פיעל געקווועלט
און וואָלט קיין עולות ניט פערטראָגען:
איך וואָלט געדרייט איהר אַרום קאָפּ,
איין מאָל פאַר אַלע, און אַראָב!
אַראָב מיט אַלע אונז׳רע קלאָגען!

נאָר ווייל דאָס איז ניט ווי איך וויל,
דרום מוז איך וואַנדלען אָהן אַ ציעל,
געיאָגט פון יעדע וועה און צרה,
און רק מען כאַפּט מיך און מען בינדט...
און רק עס איז מיר וועה און ווינד,
און רק איך בין דער וועלט׳ס כּפּרה...

אן עצה

דארף קיין צאָרנדיגען בליק
ווען דו גילטסט ניט לויט דיין מיין!
דען ס'איז מעהר ניט גאָט אליין,
וואָס שטעהט העכער פון קריטיק.

האָסט געטראָפען, צי פארפעהלט,
דו האָסט אָבגעטאָן דיין זאַך,
און ווי ווייט דו קענסט דיין פאַך,
דאָס מוז אָבשאַצען די וועלט.

גילטען קען ניט דיין פערלאַנג
ווי דער משפט זאָל ארויס,
ביסטו קליין, צי ביסטו גרויס,
אַנד'רע ווייזען דיר דיין ראַנג.

אויב דיך פרעהט, צי דיך פאַרדריסט,
דאָס זאָל בלייבען דיין סעקרעט!
נאָר געהערט און ניט גערעדט,
און דו ווייסט דאַן וואָס דו ביסט.

דאָך ווען דו ווייזט אָן מיט כעס,
אַז מען שאַצט ניט אָב דיין ווערטה,
דעמאָלט ווערט דיין שאַנד פאַרמעהרט,
דען דאָס שמעקט מיט משוגעת.

יאָ, די מענשהייט זעהט דיך באַלד
זוכען דעם אַפּלאָדיסמענט,
דאָך עס קלאַטשען ניט די הענד
ווען מען מאָהנט דאָס זיי מיט גוואַלד.

ביסט פערראורטהיילט, דאָס איז פיין,
אָבער שרייען האָט קיין זינן,
אפשר מילדערט זיך דער דין
ווען דו וועסט שוין מעהר ניט זיין...

„לאטוטים" נומער צוויי

אדער דער לומפען־שניידער.

(פאלעמישעם).

אנו, זאגט, איהר פען־פאראזיטען!
איצט אנערקענט איהר מיין טאלענט?
איהר פיהלט ווי מיין „שעהר" האט געשניטען,
מיין „אייזען", ווי ער האט געברענט;
מיין „נאדעל" ווי זי האט גרויסארטיג
געשטאכען — איהר אנערקענט דאס?
דאך מיינט ניט, אז איהר זייט שוין פארטיג,
איך וועל אייך ערשט „נעהמען א מאס"!...

ניט שרעקט זיך, ניט האט קיין ענוויים,
וואס איך בין „נ י ט ג ר ו י ס" איז קיין ב ר א ק,
דען איהר זייט דאך „נ י ד ׳ ר י ג ע" ברואים...
עס וועט אייך דערגרייכען מיין „שלאק"...
כאטש איך האב „קיין מח קיין שארפען",
און בין „צו די ג ד ו ל י ם ניט גלייך",

וועל איך זיך נאָך א י י נ ב ו י ג ע ן דאַרפֿען,
מען איך וועל אַ מאָס נעהמען אייך...

איהר זאָגט, אז מיין „נאָדעל קען טויגען,
נאָר שניידער־געוועהר איז עס דאָך",
איך וויים, איהר פֿערשמאָכטע אויגען,
איך וויים, אַז איהר פֿיהלט מעהר קיין שמאָך...
איך וואָלט אייער מיאוס'ע באַנדע
מיין „נאָדעל" אין הארצען געיאָגט,
דאָך איהר האָט, צו מענשליכער שאַנדע,
קיין הערצער קיין מאָל נים פֿערמאָגט...

„לאָטוטים" בין איך, יאָ, פֿערזומפּיגט,
ווייל, לומפּען, כ'האָב אייך ראַפּעריררט!
דאָך איהר זייט שוין צופֿיעל צולומפּיגט,
איך האָב זיך אומזיסט נאָר געשמירט.
אַלס לאַטניק וואָלט איך אפשר קענען
אייך „פֿיקסען", דערלאַנגען אַ פּוץ,
נאָר ס'לוינט נים דאָס שניידען און טרענען,
עס פֿאַלט פון אייך צופֿיעל דער שמוץ...

א „דערנערפֿעלד" בין איך, אַ דאָרן,
דאָס וויים איך, איז אייך מיין קריטיק,
דען אַלץ, וואָס איהר האָט נאָר געבאָרען,
צורייס איך, צופליק איך אין שטיק.

זייט ווייסען, אז איך בין דער ד אָ ר ע ן
און בין אויך דער מ ש ה צו גלייך,
און ברייננגט איהר אריין מיך אין צאָרען,
דאַן האָב איך נאָך פייער פאר אייך!...

דער שניידער

(פּאָלעמישעם).

ב'בין אַ שניידער, כ'שנייד כסדר,
כ'נעהם קיין מאָס אויף מיינע קלײדער
און איך זוך ניט קיין פּאַסאָן,
דאָך דעם אויבערשטענס חסדים,
ווי עס פּאַסען מיינע בגדים,
יעדען, וועלכער מעסט זיי אָן...

ס'פּאַסט דעם בעטלער און דעם שררה,
ס'פּאַסט איעדען... קיין עין הרע,
ווי זיי זעהען אוים בעקלייד'ט !...
עס געהט איבער אַלע מאָסען
און עס ליעגט ווי אויסגעגאָסען !
זאָלען זיי טראָג'ן ג'זונטערהייט !...

בור און מענש

(פּאָלעמישעס).

עס האָט דער אויפגעקומ׳נער בור
די זעהר העסליכע נאַטור
צו לייקענען אָן זיין „אמאָל“,
ווען ער האָט ניט געהאַט קיין שיך
און איז נאָך ניט געווען קיין „איך“
און האָט געהאַלטען זעהר שמאָל.

דאָך דער, וואָס איז מיט גייסט בעזעעלט,
געדיינקט, ווען ער ווערט הויך געשטעלט
דורך רייכטהום אָדער דורך א שם,
דעם שווארצען, טרוי׳ריגען מאָמענט
ווען קיינער האָט איהם ניט געקענט,
און ער פערטרויט די וועלט מיט דעם.

און מעג אויך פיהרען יענע מאָפּ
אפילו דורך דער שניידער שאָפּ,

ער לייקענט דאָס ניט סיי ווי סיי;
ער הויבט די נאָדעל און די שעהר
און ער שטאָלצירט מיט זיי נאָך מעהר
און מאַכט נאָך גרוים די שניידעריי...

קאַמפּף

(פֿאָלעמישעס).

ש לום זאָגסטו, ליעבער פריינד,
גערהן געאָרעמט מיט די מענשען,
אויפצוהערען מאַכען פיינד,
לעבען פריעדליך מיט דעם „היינט"
און דעם „מאָרגען" צייטליך בענשען;

לאָזען גערהן אַט ווי עס גערהט,
ווי עס פאַלט אַזוי זאָל ליעגען,
זאָל זיך מאַן געזונדערהייט
אונזער וועלט ווי זי פערשטעהט,
ניט כדאי זיך צו פערקריעגען;

וויינט דער אמת, קלאָגט דאָס רעכט;
זיעגט דער שקר ביי די נאַרען;
איז די הייליגקייט פערשוועכט;

פאַלט דער יושר אין געפּעכט;
שלום!... וועמען דאַרף דאָס אַרען?

איין מאָל לעבט מען און ניט מעהר,
וואָס זשע לוינען שמייִט און צאַרען?
שטענדיג ניצען דאָס געוועהר
געגען עולות צאַהלט זיך שווער;
איז מקצר נאָר די יאַהרען.

אַך! איך וויים דאָס, איך פערשטעה,
עס דערגרייכען ניט קיין ליידען
דעם, וואָס טוט דאָס האַרץ ניט וועה
און ער הערט דאָס וואָרט ניט. „נעה!
ביסט געשאַפען דו זאָלסט ריידען"!

וואויל איהם, ווער פון מוטער'ס שוים
קומט אַהער און האָט קיין סמיכות...
און עס טרייבט איהם ניט אַרוים
יענער אמת, וואָס איז גרוים,
צו ערפילען זיין שליחות!

דריי מאָל גליקליך ווער עס האָט
קיין געוויטער־וואָרט צו זאָגען,
און ער לאָזט אַלסדינג צו גאָט:
אי די ברכה, אין דעם שפּאָט,
און ער דאַרף קיין ערבות טראָגען!

וואויל דעם, וואָס ווייכט אויס־דעם קאַן
פון אַ בלוטיגע מלחמה.
וואָס פערטהיידיגט ניט קיין פאָהן;
וואָס האָט גאָר ניט־וואָס צו טאָן,
וואו עס פאָדערט אַ נשמה!...

אָבער איך, מיין פריינד, בין דאָ
מיט די ריכטיגע כלי זיין...
בין שוין אַלט און בין שוין גראָה,
דאָך קיין שלום איז ניטאָ,
קען קיין רשעות ניט פערצייהען.

מעג דער ליעגען וואָרפען קוים;
מעג די טומאה שפייען חרמות.
נאַרט דאָס לעבען, לוינט דער טויט,
עהרע ווערט אויף שפּאָט געבויט.
אַ, עס ליידען די נשמות.

וועלכע שלייד׳רען זיך אין שטרייט
געגען שלעבטען׳ס ווילדע וואפען, —
וועלכע גיעבען זייער צייט
פאר אַ שכר, וואָס איז צו ווייט
און קען איצט קיין פרייד ניט שאַפען.

שלום? — קײנמאָל װעט געשעהן
יענער שלום, װאָס איז מיאוס!
כל זמן עס קען געהן דער ברען
פון מײן הארצען דורך מײן פען,
בלײבט דער קאַמפּף אלײן מײן חיות!

זיי צופריעדען

ווילסטו וויסען, פריינד, די אורזאך
פון קבצנות? טאָ ניט קלער!
דאָס איז פשוט א נאטור־זאך
און דו דארפסט ניט גריבלען מעהר.

האָסט קיין רעכט צו זיין א האָסער
פון דיין לייד און פון דיין פיין.
דארפסט צופריעדען טרינקען וואסער
ווען דער נגיד שכור'ט וויין.

דאָס איז די נאַטור, איהר וועלער,
און זי ענטפערט ניט פארוואָס.
דו מוזט ניחוועגען אין קעלער
און דער גביר מוז זיין אין שלאָס.

איז דען בעז די טשערעפאַכע
פאר דער משא, וואָס זי שלעפט?
בעט זי עפּעס? זוכט זי ראַכע?
זי איז גליקליך, דאָס זי לעבט.

איז דער טחויר, דער שנעק, דער ביבער,
אין דער שוואַרצער לאָך דער קראַט
ניט צופריעדען? קלערט ער איבער?
האָט ער טענות דען צו גאָט?

ליעג אין דר׳ערד! הער אויף צו קלאָגען,
וואָס דו ביסט פון גליקען ווייט!
זעה דיין ווייב זאָל מעהר ניט טראָגען!
ניט פערמעהר קיין אָר׳מע לייט!

צום יענקי

ארבייט, ארבייט, שוויץ און שאַף
און פערזאָרג דאָס שטעדטעל!
זעה, דו האָסט שוין נאָך אַ גראַף
אין דיין יחום־צעטעל.

שיק אַוועק נאָך יעדען לאַנד
מוידען מיט מיליאָנען!
קויף זיך איין אין הויכען שטאַנד!
זאָל די וועלט דיך קאָנען!

דולדיג קעלט און דולדיג היץ
און בעצאָהל פאַר „סמיכות“!
אַרבייט, אַרבייט, שאַף און שוויץ
און פערגראַבע יחום!

דאָ אַ גראַף און דאָרט אַ פּרינץ...
אָ, דו קריעגסט אַ נאָמען!
גיעב אַוועק דאָס ביסעל מינץ!
טאַנץ און ענטפער „אָמן“!

קומט אַ הונגער, קומט אַ נויט,
האָסט ניט וואָס צו קאַיען,
דאַן געה יחסן'דיג צום טויט!
ס'פּאַסט דיר ניט צו שרייען...

די פערקעהרטע וועלט

(נאָכהאָמונג)

אט דאָס איז די פערקעהרטע וועלט,
אַבוואָהל זי הייסט די קלוגע, —
דאָ געהען אַלע אויף די קעפּ,
זיי געהען ווי משוגע.

די קעלבער בראָטען דאָ דעם קאָך,
ער מוז זיך נעבאך לאָזען! —
די יעגער ווערען מאססענווייז
געשאָסען פון די האָזען.

דער חזיר שטעהט אין מזרח־וואנד,
מען זאָל מיט איהם זיך בענשען —
און רייטען זעהט איהר אומעטום
די עזעל אויף די מענשען.

די טכוירען ווערען רעפאָרמירט
און שטינקען נאָך דער מאָדע,

די קראָהע פרעדיגט אונז מאָראל
לויט אייגענער מעטהאָדע.

די טראָסטס רעגיערען „אָנקעל סעם“
און טהראָנען אין זיין היכל...
די פינסט'רע „כל־ישראל־פרעס“
פערשפרייט אונז ליכט און שכל.

און דאָס איז אלעס ניט אומזיסט,
עס קאָסט אונז קאָנטריבוציע.
נו, קומט אויף ברוקלין בריק און שרייט
„הוררא די קאָנסטיטוציע“!

אויסגעשפּיעלט

עס שטעהט דעם הימעלס מיליטער
פערוויינט און אָפּגעשמיסען.
עס האָט שוין מעהר ניט קיין געוועהר
צו הרג'ענען דעם וויסען.

די אַלטע גבורות זיינען שפּאָט,
די אַלטע וואפען — זשאַווער.
די מענשען ווילען מעהר מיט גאָט
ניט ווערען ווידער חבר.

עס איז קיין חרם מעהר ניטאָ,
עס איז ניטאָ קיין קונע.
עס האָט אַ בעזע, פינסט'רע שעה
געטראָפען די אמונה.

דער גלויבען טרעט פערשעהמט צוריק,
עס איז אַ וועלט אַ פרייע, —
אפילו דער ישיבה'ניק
בעלאַנגט שוין צו די „נייע"...

מען האָט די קדושה מעהר ניט ליעב,
זי זעהט אוים ווילד און שרעקלאך.
גוואלד! רבונו של עולם, גיעב
דיין כבוד וויעדער גלעקלאך!...

פאָליטיק

זייט מוחל, ר׳ קרוב, בעטראַכט נאָר מיט מאַרך,
דעם קייזער פון דייטשלאַנד און ענגלאַנד׳ס מאָנאַרך!
אַ ליעבע, אַז נאָר קיין עין הרע!
מען האלזט זיך, מען קושט זיך, מען גלעט זיך, מען לאכט.
מען גריסט זיך מאָנאַרכיש און יעדערער טראַכט:
„אַז ווערען זאָלסטו די כפרה!"

מען פלוידערט פון „שלום" גאָר הארצעדיג פיין,
און איינער דעם אַנדערען טרויט ניט די ש״ין,
און וויל ניט אָן פריינדשאַפט געדיינקען.
עס רעדט וועגען פראַנקרייך דער דייטשער פלוט,
דזשאָן בול׳ס תנא־ברא זאָגט: „אַלץ וועט זיין גוט"
און קלערט זיך: „אַ, ווערה, ווערסטו קריינקען!"

אָט דאָס רופט די וועלט אָן „פּאָליטישער בעזוך"
געוועהנליך בלייבט איבער דערפון אַ מין ג׳רוך
וואָס מוז אַ ניטגוטקייט ערוועקען.
אַזאַ מין בעזוך האָט אַ סך וואָס צו טאָן,

דען וואָס די געקרוינטע אָפּט רייכערען אָן
בלייבט איבער די פעלקער צו שמעקען...

יאָ, דזשאַני און מיכעל, פאַר אייך איז גאַנץ גלייך
אַט וואָס דאָ זאָל בלייבען וועט אויסגעהן צו אייך,
דען באַלד וועלען ווערען פּאַראַדקעס.
אַזאַ מין בעזוך עקט געוועהנליך מיט דעם,
דאָס אי מען דערלאַנגט מעהר סאָלדאטען אַ נעהם
און אי מען מאַכט שווער די פּאַדאַטקעס.

די פּאַסיפישע פלאָטע

א קאַפּיטעל אַמעריקאַנער פּאָליטיק.

דו גרויסער, שטאַרקער גאָט,
בעשירעם אונזער פלאָט
אויפ'ן שטילען אָקעאַן!
דו ווייסט דאָך וואו זי רייזט,
און ווייסט דאָך, אַז זי ווייזט
נאָר פריינדשאפט צו יאַפּאַן...

עס זאָל איהר קיין קאַנאָן
חלילה ווערה ניט טאָן,
ניט שאָדען איהר בערוף!
זאָל זעהן די גאַנצע וועלט
ווי שלום וואקסט און קוועלט
און ווי מען האַלט דאָס אוף!...

פון הימעל קוק אראָב,
אַ גאָט, אויף „פייטינג באָב"
אויף אונזער אַדמיראַל!

און פרעג אונז ניט פארוואס,
נאר ליינק זיין יעדען שאס
און בענש זיין יעדען קנאל!

דען דו נאר, גאט, אליין
פערשטעהסט דעם טיעפען מיין
פון אונזער עסקאדראן:
זאל דער מיקאדא זעהן
וואס איהם קען אלץ געשעהן
ווי גיך ער הייבט זיך אן!...

מיר קענען מעהר ניט, גאט,
בעטראכטען אלס געבאט
די „מאנרא דאקטארין“,
און ציהען אוים א האנד
נאך יעדען ווייטען לאנד
און זוכען דארט געווין.

און וואס מיר כאפען צו
דאס גיט אונז ניט קיין רוה;
דאס מוז דאך זיין בעשיצט.
מיר דארפען מעהר געוועהר
און מעהרער מיליטער,
דאס מיינט די פלאטע איצט.

אמעריקא איז גרויס,
דאך זי איז שוין דורכאויס,
פערזארגט פון קאפיטאל...
נו, זוכען מיר יעצט מערק
ביי'ם טייפעל, צי ביי'ם טערק,
מיר זוכען איבעראל.

דרום העלף, א, גאט, אין דעם
דעם גוטען „אנקעל סעם"
דיין זונטאג־פרומען זוהן,
וואס צלם'ט זיך אהן שיעור
און ניצט דיין הינטער־טהיר
פון יעדען ביער־סאלון!...

וואס גיט פון בעט א שפרונג
ביים ערשטען גלאקען־קלונג
און לויפט אין קירך געשווינד,
און הערט זיך צו צום פריסט
ווי גוט און ליעב דו ביסט,
ווי דו פערגיעבסט די זינד;

ווי ווען עס קומט א נויט,
עס פעהלט דעם עולם ברויט, —
איז דער געשריי אומזיסט,
ניט דו, א, גאט, האסט שולד,

ניט ראָקפעלער, ניט גולד,
נאָר בלויז דער סאָציאַליסט!...

דערפאַר נאָר זאָל דיין גנאָד
בעשירמען אונזער פלאַט
אויפ'ן שטילען אָקעאַן!
דו ווייסט דאָך וואו זי רייזט
און ווייסט דאָך, אַז זי ווייזט
נאָר פריינדשאַפט צו יאַפּאַן...

פונקען

בעגייסטערונג

דער אינגעל דארף א רעקיל,
דאס מיידעל פאדערט שיך,
דאס ווייב, קיין קלייד קיין ברעקיל,
פערלאנגט עטוואס פאר זיך.

אליין דארף ער תחתונים
און דארף דערצו א „העט“,
א פולע שטוב אביונים
אט וואו מען גיט א טרעט.

און חובות מאהנט א יעדער,
כאטש הויב זיך אויף און פליה,
דאך ער נעהמט שטיל די פעדער
און שרייבט א פאעזי...

מוחל

שלאנגען־גיפט" — פערזיכ׳רען קלוגע —
„היילט שגעונות שוין פון לאנג".
איך וואלט בעסער זיין משוגע,
דען איך האָב צופיעל אַ שלאנג
אום דורך איהר צו קריעגען שכל.
מוחל שלאנגען־חכמה, מוחל!...

ניט צו פערדיינקען

גאָט, דער פאָסטוך, האָלט און פיטערט
זיך אַ סטאַדע דיק און פעט...
און ער לאָזט די וועלט פערביטערט,
הייסט איהר לעבען מיט „על חטא"...

נו, פערדיינק איהר די גרומאַדע,
וואָס איז אויך דעם בורא'ס קינד —
ווען עס לויפט צום טאַטענס סטאַדע
און עס קוילעט דאָרט אַ רינד?...

פיקסען דעם חומש

עס זיינען רעפארמירטע אידען
מיט זייער חומש ניט צופריעדען,
ער איז א סך צו שטריינג.
ער הייסט ניט גלוסטען, וואס עס ווילט זיך...
דערצו איז ער אין כעס און „שילט זיך",
ער איז צו אלט, צו ענג.
נו, וועלען זיי איהם ניי פערפאסען,
ער זאל זיין גוט און פרום, און פאסען.

אויף א געהאַנגענע פֿרוי

ס׳טאָר קיין פֿרוי איהר רעכט ערקלערען,
אָרעם אָדער רייך,
דאָך גע׳הרג׳עט מעג זי ווערען
מיט דעם מאַן צוגליך.

פּראָביר

קוק ניט אויף דעם שיקזאל קרום
ווען דיר געהט ניט גלייך!
נעהם דעם האָפנונגס־נעץ און קום
צו דעם לעבענס־טייך!
וואַרף איהם דאָ און וואַרף איהם דאָרט!
אפשר טרעפסטו דאָך דעם אָרט,
וואו עס נעהמט דיר גאָר ניט לאַנג,
און דו מאַכסט דעם גוטען פאַנג...

פיקסען

מענסט אומשווימען אין רויב און שאַנד,
זיי כיטרע, און דו מ ע ג ס ט!
די וועלט האָט „בשמים“ אלערהאנד,
זי „פיקסט“ דיך און דו שמעקסט...

דאָס ערגסטע

מיר האָבען, פונקט ווי יעדעם פאָלק,
אויך אונזער אייג׳נעם שאָנדערפאָלק,
וואָס שווינדעלט, גזל׳ט, רויבט און צינד׳ט,
וואָס לעבט פון טומאה און פון זינד,
וואָס האָט אָלס העלפער דעם „שווארץ יאָהר“
און באָדט זיך אין פערברעכענס נאָר,
דאָך דער, וואָס שנייד׳ט אונז ביז׳ן ביין,
איז דער משומד גאָר אליין!

ליכט

אך, ווי לאַנגזאַם פרייהייט קריכט!
אַך, ווי פינסטער! ציגדט אָן ליכט!
זאָלען מיר כאָטש קענען זעהן
אונזער אייג'נעם אונטערגעהן!

רוסלאַנד

„זאָגט מיר", פרעגט די אידיאָטקע,
ווי די וועלט צו געבען פריעדען?
איך זאָל אָבער שלאָגען אידען,
בלוט זאָל גיסען זיך ווי וואָטקע,
וואָס איך חאָפּ זאָל בלייבען מיינע,
ניט צו פרעגען מיך: „וואָס טהוסטו"?
עס זאָל שמעקען אָהן א טענה
אומעטום נאָר מיין קאַפּוסטאַ,
אַלץ זאָל בלייבען ווי געוועזען
און די וועלט זאָל זיין גענעזען"?

טיטולירטע חתנים

עס ליעבט פיעל וואָרעמער אַ היגער
אמעריקאנער פּראָסטער ניגער
מיט ווייסע צייהן און גראָבע ליפּען —
ווי „עדלע“ דייטשען, צי פּראַנצויזען
מיט טיטלען, אָבער ניט מיט הויזען —
וואָס זוכען זיך נאָר צו פערקניפּען
מיט רייכע מיליאָנערסקע מיידען
כדי צו קענען זיך בעקליידען.

אויסגעטראַכט

עס שרייען קלוגע טהעאָלאָגען:
„געוואלד אַ בתולה קען ניט טראָגען!
און אויב זי דארף שוין יאָ אַ „באָבען",
דאן וועט זי אויך קיין גאָט ניט האָבען...
עס קען ניט ברייגנען, דאָנער וועטער!
אַ בויך־וועהטאָג אהער קיין געטער.
די גלויבענס פון דעם אַלטען אזיע,
זיי קומען אַלע פון פאנטאזיע.

אַ גאָט-זאַך

עס פרעגט די מענשהייט מיט אינטערעס:
ווי ווערט דאָס פלוצלונג מעוברת
אַ מיידעל פון אַ פרומע שטאָדט?
נו, האָט די זאַך דעם שענסטען תירוץ
פול קדושה און פול דרך ארץ: —
דאָס איז געוועזן פון גאָט.

די נייע פרוי

די פרוי איז שוין אצינד צו קלוג
מיט צוקער זיך צו שטאפּען,
דען זים איז זי אליין גענוג,
זי וויל דעם ביט'רען טראָפען.

ניט צאַצקע זיך אַזוי מיט איהר!
מיט איהרע „קינד'שע" פּלענער.
זי מאַכט אַ שנאַפּס צוגלייך מיט דיר
און איז אויך ווי זאָגט יענער.

און כאָטש זי טראָגט נאָך אלץ אַ קלייד
און כלומרשט דו — תחתונים,
דאָך קומט דיר אָן מיט זוי'רע לייד
צו זיין פון די עליונים.

אַמאָל און איצט

א מאָל אַ פרוי פלעגט ווייזען „חריצות",
זי האָט געקויפט זיך אויף אַ קלייד,
האָט זיך פון קאָפּ ביז פיס בעגייט,
געלאָזען דעם מאַן נאָך אויף אַ ציצית.

יעצט קויפט זי סחורה אָהן אַ שיעור
און ס'פעהלט נאָך אוים זאָגאַר פאַר איהר...

אַ קלייד אָהן אַרבעל, הוילע הענד...
די ברוסט, די פּלייצע האַלב פאַרדעקט,
דער טייוועל וויים, ס'האָט ניט געקלעקט...
און יעדער גראָשען איז פערספּענדט.

די פרוי איז נאַקעט הונדערט שפּאַן...
און אָהן אַ ציצית געהט דער מאַן...

צוליעב דער ווייב

עס קען דיר אפּפּט דיין שאַץ
ווען דו פערלאָזט איהר קישען, —
אזוי דעם קאָפּ צומישען,
צודרייען דיר דעם זאַץ,
אז דו זאָלסט ניט פערשטעהן
פון לעבענס־בוך דעם מיין...

א ווייב

ער איז אַ מאָרד בעגאַנגען
צוליעב זיין יונגע ווייב,
אום קיינער זאָל פערלאַנגען
איהר וואונדער שענעם לייב.

דאָך איצט איז ער אין תפיסה,
דער אָרעמער בולוואַן! —
און זי מאַכט חן'דלאַך זיסע
שוין צו איין אַנדער מאַן.

סכנה

עס קען אַ שענער'ס נעזעל
און בלויז איין איינצ'גער בליק,
דיך פיהרען אָפּט צום גלעזעל,
דיך פיהרען אָפּט צום בריק...

א בליק

מעגסט זיין פול מיט גאַל,
אַ ליעבליכער שטראַהל
פון מיידעלשע בליקען,
פערצוקערט דיין „זיין“
און מילדערט דיין פיין
און מוז דיך דערקוויקען.

פשט

נים זוך קיין פירוש אויף א קוש,
אויב דיר איז וואָס ניט גלאַט!
די ליעבע ווייס ניט פון קיין דרוש,
ביי איהר איז אַלעס פשט.

מזומן

שמעיה זאָגט „דו ליעב נאַר“,
חיה זאָגט „דו גיעב נאַר“,
דען דאָס בעסטע לעבען
קומט אַרויס פון געבען.

דער כח

א פארשוין מיט זיסער מינע,
אונ א ברוסט פול יצר הרע,
אונ דיר לויפט פון מויל די שליגע,
אונ דו ווערסט שוין די כפרה.

איהר כונה

װען דיין יענטע איז אין כעס,
זוך דעם גרונד ניט צו ערפאהרען!
דען איהר גאנצע משוגעת
מיינט דאך נאר, אז דיך זאל ארען.

דער קאָרסעט

דער קאָרסעט גיט די פרויען חן,
מען קוקט זיי נאָך מיט טויזענד אויגען.
זיי ווערען גלייך, זיי ווערען שען,
דאָך ווערען זיי צופיעל פערצויגען...

א פרוי

לויפסטו נאָך איהר,
פערדרייסט זי דעם קאָפּ,
און רוקסטו זיך אָפּ,
לויפט זי נאָך דיר.

אונבעשטימט

נים גרונטעווע די סיבה
פון אַ מיידעל'ס כעס!
אַמאָל איז דאָס די ליעבע,
אַ מאָל — די משוגעת.

זי דאַרף

זיי צו עדעל ניט,
פרעג דיין מיידעל ניט :
„וואָס זאָל איך דיר קויפען עפּיל“ ?
דען זי שעמט זיך ניט
און זי קלעמט זיך ניט
און זי לייענט דיר אַ צעטיל.

א מיאוס'ער פּלאָנטער

פֿון דעם גרעסטען פּלאָנטער
קען מען זיך בעפרייען,
דאָך קען א מיליאָנטער
קוים א הילף דערשרייען
ווען ער פּלאָנטערט נאָר
זיך אין פרויען האָר...

אריינגעפאַלען

האַלטסטו זיך מיט אַן „ארורה“,
דאַן איז ליעבער דיר די קבורה,
קיינער קען קיין הילף דיר געבען,
דו ביסט טויט דאָס גאַנצע לעבען.

דו גלויבּסט

עס האָט די צונג קיין ביינער
אונ דרייט זיך זעהר גרינג.
אונ דו, אָ, לעקיש איינער!
דו גלויבסט אין אלעם דינג.

רעפאָרם

נישט-קשה, די רעפאָרעם ברינגט
דיר פרייד אין דער מדינה!
דער אָרגעל קלינגט, די שיקסע זינגט
און דו בלייבסט אַלץ א „שיני“...

פּאָליטיק

גלויב ניט, פריינד, אין פּאָליטיק!
קענסט אויף איהר ניט צופיעל בויען,
דען זי בייט זיך מיט'ן בליק,
ווי די מאָדע ביי די פרויען.

זיידענס

זינד געקלייד'ט אין סאמ'ט און זייד,
זיינען שענער ווי אין ליינען,
און זיי קענען צווישען לייט
שוין מיט מעהרער דרייסט ערשיינען.

אַ קרומע זאַך

ס'האָט אַמאָל געלעבט אַ סטאָליער
אין דער שטאָדט נוצרת.
זיין אַ גוטער בעטער זאָל ער,
אונזער יאָסעל מערעס!

פיעל צו הובלען פלעגט ער ליעבען,
פוצען, ווי זאָגט יענער,
פון זיין טרחה איז געבליבען
מעהרסטענס הובעל־שפּענער...

און אַ טיש, וואָס קוקט פערדריסלאך,
אויף זיין יעדען בעלן,
דען ער האָט דריי קרומע פיסלאך,
און וועט מוזען פאַלען...

רבנים

עס זיינען אונזערע רבנים
גערוען, געבליעבען אונז'רע שונאים.
אַט דאָ אַ חומרה, דאָרט אַ גזרה.
דאָס גאַנצע לעבען אַן עברה...
נאָר דאַנקען גאָט און לעקען קצינים,
איז אַלץ צו וואָס זיי מאַכען דינים.

כשר

דו זאָלסט דאָס וויסען באַלד ביי'ם אלף!
דאָס גאַנצע פרומקייט שטעקט אין חלף...
דו שחט נאָר גוט און בדקה ריכטיג
און דיר איז יום טוב'דיג און ליכטיג...

די האָפנונג

די האָפנונג איז אַ שלעכטער נוס,
וואָס זאָגט אומזיסט דיר צו געניס,
דען ווען דו האָסט דאָס שוין צוקנאַקט,
דאַן האָט דאָס לײדער דיך געפּאַקט:
דער תוך, נאָך וואָס דו האָסט געגאַרט,
ער האָט דיך מיאוס אָבּגענאַרט.

צדקה

I

בעלי טובות, צדקה געבער,
טייער קאָסט דיר זייער געבען!
גיעבען דיר אַ לעק פון צעבער,
נעהמען דיר אַוועק דאָס לעבען...

II

פילאַנטראָפּען, זייער פּפליכט
טהוען זיי, וואו נאָר זיי קענען,
גאָט, פערדלעש ניט זייער ליכט!
טו אַ נס, און זאָלען זיי ברענען!...

מיר פרעגען ניט

עס שרייען קהל'שע טאטעס,
אז אונזער גאנג איז קרום.
א יעדער רייכער חטאת
הייסט זיין אונז גוט און פרום.

נו, זאגען מיר זיי „מוחל,
דען וואס איהר רעדט איז פוסט.
מיר האנדלען לויט דעם שכל
און לויט ווי אונז געלוסט"!

אידען נאָר פאַר זיי

אידען, אַ געלעכטער, כ׳לעבען!
אויסגעטראַכט פון בייזע שונאים.
בלויז אַ סעקטע, וואָס דאַרף שטרעבען
אָבצוקאָרמענען רבנים.

לאָז דעם מאַרק

אויב דער מאַרק זאָל אונז דיקטירען
ווי די ליט'ראַטור צו פיהרען,
גיעב איך איין קיין האַלבען גראָשען
פאַר'ן גאַנצען מאַמע־לשון...

די פאָלקס-שפּראַך

ס'ווייזען אונז'רע הויכע „שטערען"
ראיות גוואַלדיגע אַ סך,
אַז אידיש וועט קיינמאָל ניט ווערען
אונזער נאַציאָנאַלע שפּראַך.
כ'הער געדולדיג אוים און לאַך:

ווען דער העקער און דער בעקער
און דער מאַן פון יעדער פאַך
רעדט אין אידיש איז עס שקר,
אַז מיר זיינען שטומע פלעקער
און „זשאַרגאָן" איז דאָך אַ שפּראַך!

א דעקאַדענט

ווען דיין מוזע ווייזט קיין גבורות
אונ דיר פּאַסען ניט די שורות,
און דיין ליעד האָט קיין ממשות,
ווייל דו פלוידערסט אַ חלשות;
ווערטער טראַסקען, קנאַקען, קנאַלען
און דיך אַרט ניט וואו זיי פאַלען,
רעדט מען דאָך פון דיין טאַלענט:
דאָן ביזטו אַ דעקאַדענט.

ניט שטענדיג

נִיט שטענדיג זיצט אַ זייד'נע היטעל
אויף א קלוגען קאָפּ מיט מאַרך,
גאַנץ אָפט איז עס אַן אָבנאַרם מיטעל
צו פערדעקען נאַר אַ פּאַרך...

זיי אַ חצוף

אויב דו פיהלסט עס פעהלט דיר מוט,
דאַן איז חוצפה אויך גאַנץ גוט,
ס'ווייס קיין אונטערשייד די וועלט
צווישען חצוף און דעם העלד.

ל צ י ם

ס׳טאַנצען לצים אַלערליי
שפּאַטענדיג פון אונז׳רע וואונדען,
און מיר האָבען פלאַץ פאַר זיי,
ווייל דער ערנסט איז פערשוואונדען.

ביכער

אמאָל פּלעגט דער פּערלעגער קוקן
דאָס רוב אַ גוטען בוך צו דרוקען,
דאָס אויסזעהן פּלעגט ניט ווערען ניכר,
דער אינהאַלט נאָר פּלעגט זיין דער עיקר.
דאָך איצטער איז דער איינבונד אַלעס,
דאָס ווערק אליין — אַ גייסט'גער דלות.

גיעב אַכטונג!

האַלט די פלאַמען דיינע טהייער,
דען די וועלט איז פול מיט ווינדען.
זי האָט מורא פאַר דיין פייער,
דו זאָלסט איהר ניט אונטערצינדען.

זיי מעסיג!

ניט פֿאָדער צופֿיעל פֿון דעם לעבען!
דו מעגסט זיין טייוועל אָדער גאָט,
וועט ער פֿאַר קיין שום פֿאַל דיר געבען
קיין ברעקעל מעהר, ווי וואָס ער האָט.

רעשטלאַך און שטיקער

דו קענסט ניט זיין אין גאַנצען גליקלאַך,
סיידען דו ביסט דום צו שיכור.
דען פריידען האָט די וועלט נאָר שטיקלאַך,
טרויער האָט זי גאַנצע שטיקער.

די ערנסטע וועלט

שטענדיג איז די וועלט קיין וויץ,
וועלכער רופט ארויס אַ שמייכעל.
זעהר אָפט איז זי אַ גליץ,
וואו דו שעדיגסט דעם „זייט מוחל“.

פרייהייטס אייביגקייט

צו ווינציג אייזען אין דער ערד,
צו ווייניג פלאַקס אויף איהרע בייטען,
צו מאַכען שטריק און ביקס און שווערד
א פאָלקס בעפרייער אויסצוטייטען.

דער גייסט ווערט קיינמאָל ניט פערלענד'ט,
עס קען די גרוב איהם ניט פערשלינגען.
די תליה איז זיין מאָנומענט,
פון וועלכען יונגע דורות זינגען.

אָהן אַ פאַרוואָס

קריזים, פרעסט און סקאַרלאַטין,
גאָט! וואו טוט מען זיך אַהין
פון די שרעקליכע שלוחים,
וועלכע דו, ווי אויך דיין קלאַס,
שיקען אָן אויף אונז מיט כעס
אָהן „פאַרוואָס“ און אָהן וכוחים?

די מיליאָנערען

דאָס לאַנד, וואָס גיט זיי גאָלד און גליק,
דערלאַנגען זיי אַ פּרעכען בריק,
און זוכען רוהם אין אַנד'רע לענדער,
און זייער שקלאַוו, דעם אידיאָט,
ערציהען זיי אַלס פּאַטריאָט,
אָ, די גנבים און פאַרבלענדער!

די „פּיער הונדערט“

עס קענען פיעל אַריסטאָקראַטען
ניט וויסען זיכער זייער טאַטען,
וואָס ער איז פאר אַ משולחת.
אַ יורש׳טע פון די „פּיער הונדערט“
וואָלט גאָר ניט בלייבען שטאַרק פערוואונדערט
ווען זי זאָל זיין דעם קוטשער׳ס „נחת“..

לויזע גאַרבען

אין שטאָדט און אין פעלד

געערגערט פון לעבען, פערדולט פון זיינע טויזענד שווערע קשיות און צושראָקען פון זיין מאוס'דיגען ערנסט, האָב איך זיך אַרויסגעריסען פון דער קאָכעדיגער שטאָדט.

דער טאָג איז געווען שען, מיין מזל — מיאוס. איך האָב איהם אויסמיידען געוואָלט און בין אַוועק פון דער ווילדער ניאַגאַראַ פון בעדירפנים און פליכטען.

צום פעלד האָב איך זיך געלאָזט. צו דער נאַטור בין איך נאָך הילף געלאָפען...

מיין פאַנטאַזיע איז געפלויגען און איך האָב איהר נאָכגעיאָגט.

דער טומעל האָט מיך געטריעבען. דער מטושטשער געזשום פון די גאַסען איז געווען אויף מיין סליאַד. דער וועלט שמערץ, דער רחמנות און דער יושר האָבען מיך צוריקגערופען...

אָבער איך האָב ניט געהערט, ניט געוואָלט הערען. זאָלען אַנדערע בלייבען, איך האָב זיך געוואָלט בעפרייען.

די אונבעשטימטקייט האָט מיך געבייטשט. איך בין געלאָפען ווי אַ צווישעטער מלחמה־פערד, וואָס גאַלאָפּירט

מיט זיין פערוואונדעטען רייטער איבער שטאק און שטיין, איבער בלוט און הרוגים...

דאס לעצטע הייזעל האב איך דערגרייכט, דעם לעצטען ברונען... די בראמע פון בית הקברות, דעם מאהילניק.

איך האב אוועק געקוקט.

האב ניט געוואלט זעהן. גאר ניט, גאר ניט, ניט די אידישע קברים, ניט די גוי'שע. איך האב געטראגען אן אייגענעם בית עולם אין הארצען. אייגענע בערגלאך, אלטע און נייע, מיט מצבות און אהן מצבות... און אפענע גריבער פאר פרישע מתים...

ניין! ניט קברים האב איך געזוכט, דען כאטש איך בין בייז מיט'ן לעבען בין איך נאך ניט גוט־פריינד מיט'ן טויט.

מנוחה האב איך געוואלט, די מנוחה, וואס קוויקט, וואס לאזט זיך פיהלען, אז מען געניסט איהר.

דאס האט ניט דער בית החיים. און אפילו די פערגליווערטע מנוחה פון טויט שטערט מען דארט אויך. די מתים וואלטען רוהען, לאזט מען זיי ניט. בלאנדזשעט דארט דאס פערקלעמטע הארץ פון די אבלים, בלוקעטאיעט זיך דער ווילקאלאק, דער יאמער איבער די טרויערשטעגען.

איך בין ווייטער געלאפען.

צום וואסער־מיהל בין איך געקומען. אויף דעם סטאוו האב איך א קוק געטהאן, אויף דעם הילצערנעם דאס, וואס

פערהאַלט דעם מיהל־שטראָם און לאָזט זיך איהם ניט פריי צוגיסען...

איך האָב אַ קלער געטהאָן וועגען מיין שיקזאַל...

געצוואונגענערהייט איז דאָס וואַסער אויף דעם ראָד געפאַלען. אויף דעם גרויסען, קאַלטען האַרצלאָזען ראָד...

איך האָב געהערט דעם דומפּפען קלאַפּען פון מיהל, דאָס איין טאָניגע ארבייטען און רוישען פון זיינע כלים, זיינע שווערע שטיינער, און האָב געפיהלט ווי דאָרט מאָהלט זיך מיין אייגען האַרץ, מיין אייגענער גייסט און ווי ער קען זיך ניט צומאָהלען...

די זומערדיגע פאַרנאַכט־זון האָט זיך אין דעם זילבער־שטראָם גע׳טובל׳ט און די לעצטע גוסס׳ע שטראַהלען זענען געפאַלען אויפ׳ן נאַסען ראָד און ער האָט זיי צו־ריבען...

פערטיעפט אין רעיונות בין איך ווייטער געלאָפען. איך האָב געוואָלט גרייכען דעם זונען־אונטערגאַנג... צום רויטען, אַנגעצונדענעם האָריזאָנט האָב איך געלעכצט. צו דעם שטילען, פייערדיגען באַל, וואָס קייקעלט זיך אַרונטער אין דעם מעלאַנכאָלישען חלל פון נאַכט און טאָג.

גאָט האָב איך צו הילף גערופען, גאָט און די זון.

אָבער נאָך האָט מיך געסטראַשעט די שטאָדט. פאַר איהר לעצטען קול האָב איך געציטערט, פאר דעם אומע־טיגען בראַזג פון די תיפלה־גלאָקען, וועלכע קלינגען שווער און טרויעריג זייער קריסטליכען „מערב“ אין דע־מערונג שטונד.

דעם געשריי פון מאַרק האָב איך פיינד, פאַר דעם קלאַנג פון קירכען־גלאָק האָב איך מורא...

זוכענדיג רוה האָב איך איהם ניט געוואָלט הערען.

אויסמיידען האָב איך אויך געזוכט דעם סאַזשע־שוואַרצען וועג פון די רעלסען, ווייט פון דעם דאָזיגען שכל־וועג האָב איך זיך געדרייט, אום ניט צו פערנעהמען דעם סטראַשעדיגען סוויסטש פון דער ציוויליזאַציע...

די נאַטור, די ווייכע, גלעטענדע, שטילע נאַטור האָב איך געזוכט. וואו די חלומות שפּראָצען אין דער גע־שטאַלט פון עפּעל־בליהונג, וואו די תמימות רעדט דורך דעם דופט פון דער ליליע און די שעמעדיגע אונשולד — דורך דער גליהענדיגער פאַרב פון דער רויז.

דער וויטער ראַנד פון הימעל האָט געפלאַקערט ווי א גלאָז־שמעלצער. הינטער מיר איז געלעגען דער ישוב און אַנטקעגען מיר האָט געגלאָצט דער יונגער וואַלד. עפּעס אַ אונבעקאַנטער פויגעל האָט געצעהלט ספירה...

עס איז דונקעלער געוואָרען.

איך האָב זיך דערנעהנטערט צו די שטומע, טרוימע־רישע בוימער. האָב געהערט דעם פּולס פון דעם שמע־קענדיגען זומער־אבענד, קלאַפּענדיג געזונד און רעגעל־מעסיג, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך בין אויך גע־זונד...

צוויי געדיכטע, ברייטע, שוואַרצע, שורות, לאַנג און ברייט אָהן אַ ברעג, איבער זיי אַ שמאָלער, דונקעל־גרויער פּאַס.

דאָס איז דער וואַלד און דער הימעל.

אַ טיפע מעלאַנכאָליע האָט אַרויסגעקוקט פון דאָרט.

איך האָב אויפגעשוידערט.

אַ קופּקע הויכע, ווייסע בעראָזעס זענען געשטאַנען בײ׳ם פינסטערען אריינגאַנג פון אימה׳דיגען וואַלדים. עס האָט אויסגעזעהן ווי אַ וואַך פון געשטאָרבענע אָרי־בערגעדעקט מיט אויסגעצויגענע, קלאָרע תכריכים איבער די קעפּ.

מיר איז באַנג געוואָרען...

אַ פרעמדע וועלט, אַנ׳אונבעקאַנטע. פול מיט מרה שחורה, אומעט און איינזאַמקייט. געווירע, פויגעל־שלו־קערץ, מנוחה און פּחד האָבען מיר אָנטקעגען געשלאַגען ווי אַ כשוף.

איך האָב דאָס ניט פערשטאַנען.

איך בין געווען מיט גאָט און דאָך אליין...

עפּעס האָט דורכגערוישט דורך די צווייגען.

אַ חיה? אַ גייסט?

עס האָט קיינער ניט געענטפערט.

מיעד און פערמאַטערט מיט צוטרובירטע פיס, וואָלט איך זיך אָװעקגעזעצט. האָב איך מורא געהאַט פאַר אַ שלאַנג... איך וואָלט זיך אויסגעצויגען אונטער אַ בוים, האָב איך זיך געשראָקען פאַר אַ מוראַשניק...

פינסטער!

עס איז געווען שאַ, הייליג און ערהאַבען, אָבער סמוטנע. איך בין אַ פויגעל, וואָס איז געבאָרען אין אַ קליע׳טקע, מיט פליגעל, אָבער ניט צו פליהען, מיט ליע־

בע צו די אָפּענע פעלדער און מיט שרעק פאַר זייער פרייהייט...

און דאָ איז קיינער ניט געווען מיט מיר. קיינער, נאָר דער וואלד און איך און צו אונז האָט זיך געטוליעט די נאַכט. איך האָב זיך אומגעקעהרט מיט'ן פּנים צום שטאָדט און גענומען געהן האסטיג צוריק... דעם גאַנצען, דונקעלען וועג צוריק... צוריק...

ווען איך בין געקומען אין שטאָדט האָט שוין אַלץ געשלאָפען און איך האָב זיך קוים, קוים דערוואָרט אויף דעם ווילדען, משונה'דיגען גערויש פון די קאָכעדיגע גאַסען. איך האָב ווידער געלעבט...

ערב פריהלינג

עס איז נאָך קיין פויגעל ניטאָ;
עס האָט נאָך קיין רויז ניט געבליהט;
עס איז נאָך דער הימעל ניט בלאָה;
עס זיינען די וואָלקען נאָך גראָה;
דאָך פיהל איך שוין טיעף אין געמיט
זיך רעגען א הייליגעס ליעד,
וואָס זאָגט מיר דורך יעדווידער טאָן:
„דער ליעבליכער פריהלינג קומט אָן“.

שוין וועבט זיך אין הארצען א פרייד;
שוין קוקט די נשמה ארוף;
שוין אָטהעמט די איינבילדונג אוף;
שוין האלזט זיך דער גייסט מיט'ן גוף;
שוין איז די פאנטאזיע בעקלייד'ט.
דער אומעט דער שווארצער פערגעהט,
און לאנגזאם קומט אָן פון דער וויט
דעם לעבענס פערגעטערטע צייט.

דער בעזער ווינטער פליהט

מיט בליקען קאַלט און קרום,
עס טרוימט די שוואַלב אַ ליעד;
די טויטע ערד — אַ בלום;
דער שטומער וואַלד — אַ קאָהר,
דער הוילער באַרג — אַ קרוין,
דאָס איז דער טרוים פון יאָהר,
זיין צויבער שפּינט זיך שוין,
און די געטרוימטע לוסט
קלינגט אָב ביי מיר אין ברוסט.

ערב פריהלינג!

איך פיהל ווי אַ כלי־זמר, וואָס גרייט זיך צו אַ נגיד'ישע חתונה. מיט אַ צייט פאָראויס פערהערט ער די פידעל, קנייפּט יעדע סטרונע בעזונדער מיט ליעבשאַפט, שמייכעלט ווען עס געהט, און קוועלט פון יעדען איינציגען טאָן.

איך גרייט מיך צו דעם פייערליכען פעסט פון פריה יאָהר; ניט ווילענדיג גרייט איך מיך. דאָס פידעלע, וואָס הענגט ערגעץ אויף אַ געהיימען נאָגעל ביי מיר אין דער נשמה, הויבט אָן אַליין צו טרוימען פון דער קומענדער שמחה.

מיך אַרט ניט דער לוין, וואָס די מענשען צאָהלען. אויסנעהמען וויל איך. מבינים וועלען זיין, זינגער און שפּיעלער קומען אָן. פון ווייטע מדינות לאָזען זיי זיך צום קנס־מאָל אַראָב. מען טאָר זיך ניט פערשעהמען... און די קאָנצערטיסטען זיינען פאָראיינס די מחותנים, מען דאַרף

ארויסגעהן זיי מקבל פנים זיין, אויפשפּיעלען אַ שענעם „גוט מאָרגען", אַ וואָרעמען „סקאַצעל קומט" אויף אַ הע־כערען אופן... עס איז נאָך העט, ווייט צו דער גרויסער פּריוויליכקייט, דאָך פיהלען זיך די הכנות און עס דאַכט זיך די „חתונה" איז שוין פאַר'ן טיר:

די זון שטייגט אויף מיט מעהר גדלות; דער טאָג נעהמט זיך מעהר צייט; דער הימעל רייבט זיך אוים די אויגען; די נאַכט פערשווינד'ט איידער מען זעהט זיך אַרום. די נאַטור קען ניט מעהר אַזוי לאַנג שלאָפען, אַ כלה שלאָפט ניט נאָהענט פאַר דער חתונה... דער באַרג הויבט אויף דעם קאָפּ און קוקט זיך אַרום ווי שפּעט דאָס איז; דער וואַלד פאַנגט אָן אויסציהען, אויסגלייכען די ביינער; דער טייך פּרובירט ביסלעכווייז אַראָבוואַרפען זיין דיקע קאָלדרע און כאַפּט אַ קוק אין דער הויך... אַ שליח מיוחד קומט, רוימט איין דער ערד אַ סוד אין אויער, גלעט איהר, גיט איהר איבער אַ גרוס און ווערט פערשוואונדען. די גערטנער, די פעלדער און די סעדער האָבען שוין בעשטעלט זייערע טואַלעטען, זיי זיינען שוין אין דער אַרבייט... באַלד וועלען זיי זיך דערלאַנגען אַ פּוץ אוים, אַז מען וועט זיי ניט דערקענען:

די קעצעל־ווערבע וועט בענייען איהרע צווייגען מיט פלושענע קנעפּלאַך, פּאַפּיליאַטע, קליינע, חן'עוודיגע קעצעלאַך... גלייך וועלען זיך בעווייזען בעז, עפּעל־בלי־הונג, מירט, „מאָרגען־נחת'ן" און געדיינק מיך־בליהמלאַך; די טרויער־ווײדען מיט די לאַנגע, גרינע צופלאָכטענע האָר, די ווײנערקעס ביי נאַטור'ס כלה־בעזעצענים; די

גראָזען און פעלד־בלומען, און קרייטעכער, — דער גאַנ־
צער עולם גרייט זיך...

דאָס זיינען די „קרואים“, די געבעטענע, די גרויסע, רייכע משפחה, וואָס האָט געקראָגען חתונה־בילעטען; אָהן זיי איז די שמחה קיין שמחה ניט, אָבער יעדער שמחה האָט איהר פערשטערער, איהר אונגעווינשטען גאַסט, וואָס דרייט זיך אריין אין מיטען ווי דורך אַ כשוף, און דער גרויסער יום טוב פון דער נאַטור האָט דעם מענש...

ער איז אַ ווייטער, גאַנץ ווייטער קרוב, כמעט אַ פרעמדער. ער קומט ניט אַלס מחותן, נאָר אַלס צוקוקער, אַלס זייטיגער און אגב כאַפּען אַ ביסען, אַ שלונג טאָן פון די טייערע מאכלים, אַ זופּ טאָן די ערפרישענדע משקאות...

דער מענש! ער גיט דעם פריהלינג ניט צו קיין חן און קיין כבוד. פערקעהרט, ער קומט זיך נאָך רייצען מיט די אמת'ע מחותנים, די ערהאַבענע חתונה־לייט; ער שפּאַציערט חוצפה'דיג צווישען די געפליגעלטע געסט, די בליהענדע, שמעקעדיגע פערזאַמלונג, און טראָגט אויפ'ן קאָפּ אַ קרוין מיט געשאָסענע פויגלאך... די זיסע שנע־בעלאַך, וואָס האָבען געטשוויטשערט תפילות און גע־גאָסען הייליגע מעלאָדיען פול פרייד און האָפנונג, — אָט דיעזע הימלשע פאַפּיאַלען זיינען פערשטאָפּט מיט וואַקס און בעפלעקט מיט גיפטיגע פאַרבען.

די פאַרפומירטע רויזען זיינען נאָכגעקרימט, דער מענש האָט זיי ארויסגעשטעקט אַ צונג דורך ציין און

פערקעל. די עדלע ליליע איז פאַראַדירט פון שטיקער בורלע און אפילו די ליעבע אליין, דאָס הייליגע קינד פון הימעל און ערד, איז אויך איבערגעמישט פון דעם פערגיינגליכען בעל עבירה...

דאָס איז דער מענש! ער איז זיך אויך מכין צו דער ליעבער צייט, ער לופטערט אויך אוים זיין שראַנק מיט פסולת און קלייבט זיך הערען דעם „דאַברי דזשען" פון דער אייביגער האַכצייט. אָרימער שטערבליכער! ווען ניט דיכטער און קינדער וואָלט ער ניט געהאַט ווער עס זאָל אויסקויפען זיין חרפה. זייער פרייד איז אַן אמת'ע, זייער בעגייסטערונג — ריין ווי אַ פערשלאָסענע קנאָספע, פון וועלכע קיין שמעטערלינג האָט נאָך ניט גענאַשט...

דערפאַר גרייט איך מיך און טראַג אַ רעגונג פון קדושה אין דער ברוסט. אַלע מיינע געפיהלען ווערען יום טוב'דיג געשטימט. ווייט אין בוזים פיפצען שוואַלבען, איך הער זיי קוים, אָבער איך שפיער, אַז זיי זיינען דאָ און באַלד וועלען זיי זיך פונאַנדער־גאָרגלען. מיינע חלומות פאַנגען זיך אָן פערוואַנדלען אין ליעדער, די ליעדער — אין לעבען און דאָס לעבען — אין נייע, ערהויבענע שטימונגען אָהן אַ סוף. די פאַנטאַזיע בעפעדערט זיך, די זעעלע ציהט איהרע זעלטענע קאָרעלען אויף אַ גאָלדענעם שנור פון האָפנונגען אַלס דרשה־געשאַנק פאַר'ן פריה יאָהר.

יעדער זונענשטראַהל וואָרמט מיר אוים אַ פרישע בלום אין האַרצען, יעדער ווינטעלע בלאָזט אויף אַ פערגעסענעם פונק, מיט יעדען מאָרגען שטעהט מיר אויף א

נייער חלום און מיט יעדען אבענד געהט מיר אויף א יונגער שטערען. איך בין נאך ניט אין גאנצען דורכגע־דרונגען מיט די געהויבענע פעסטליכקייט פון נאטור'ס ערוואכונג, אבער באלד וועט דאס קומען. מיט דעם ערשטען שלוקערץ פון דער קוקאווקע וועט אויפגעהן מיין געזאנג; מיט דעם ערשטען מורמעל פון אן אייז־בעפרייטען טייכעל — דער שיר פון אפענע פעלדער.

ערב פריהלינג!

איך פיהל ווי קיין שטערבליכער אונטער דער זון. די איינבילדונגס־קראפט האלט אין געבערען אויף דעם שוים פון דער פאעזיע. א גרויסעס ווארט וועבט זיך אין מיין בעסערען „איך". א געהיימנים, וועלכען דער ווינ־טער האט צוגעהאלטען דאס מויל, פאנגט אן צו שעפ־טשען צובראכענע לויטען; דער פריהלינג וועט איהם עפענען די צונג און ער וועט זיך מאכען הערען. איך פאנג שוין אן צו ענטציפערען זיינע קלאנגען, מיר דאכט זיי לעזען זיך „ליעבע"...

א, ליעבע, סוד פון לעבען!
דו איינצ'גער ציעל פון „זיין"!
דו דרינגסט אין הארץ אריין,
און מאכסט די זעלע שוועבען
צו יענעם הויכען ארט,
וואו גאט מיט מענש זיך פארט...

וואס איז דער מיין פון בליהען?

פון אלעס, וואס עס גרינט?
וואס שטיפט דער לינדער ווינד?
וואס קלינגען מעלאָדיען?
עס איז דערפון דער גרונד:
צו האלטען ניי דעם בונד.

אַ, ליעבע, הייל'גע ליעבע,
דו הימעל'ס העכסטער מיין!
נאָר דו און דו אליין
ביזט שאפונג'ס גרויסע סיבה,
ביסט פריהלינג'ס גרינער טרוים,
וואס ווינקט פון יעדען בוים.

יאָ, די ליעבע, דאָס איז דער סוד פון די סודות, דער געבענשטער כח, וואס בעוועגט די גלגלים, די בעהאַל־טענע מאַכענאַציע פון די וועלטען. די וואורצלען קושען זיך אונטער דר'ערד; די צווייגען נעהמען זיך אַרום מיט אַ ליעבשאַפט; די פויגעל טאַנצען ליעבעס טענץ אין דער לופטען; די נעסטען אין וואַלד הענגען אויף ליעבע. דער זונענשטראַהל זוכט ליעבע אין בלומען־בעכער און די זו־מער־פויגעל ביי דעם שטראַהל, דער פריהלינג פעראיי־ניגט זיי אַלע...

וואויל דאָס האַרץ, וואס קלאַפּט נאָך פאַר'ן פריהלינג און פיהלט שוין זיין גרינעם כשוף פון דער ווייטענס; וואס זעהט שפּראָצען די יונגע ליעבע אונטער די האַרטע חוים פון פערגעהענדען ווינטער!

געבענשט זיינען די נערוועז, וואָס ציטערען נאָך פון דעם זיסען גוואַלד פון דער בלומענצייט; די אויגען — וואָס לייכטען נאָך אויף ווען דער טהאָל־שטראָם רונצעלט דעם שטערען און די מאָרגען־בלומען עפענען זיך!

איך האָב איהם נאָך ליעב, דעם פריהלינג! איידער ער בעגריסט די וועלט, מאַכט ער מיר אַ בעזוך אין דער נשמה; איידער די ערד דערזעהט איהם נאָך, געהט מיר שוין זיין אַראָמאַט דורך די גליעדער. טיעף אין מיר וואַקסט אויף די ליעבע ווי אַ יונגער זאַנג אויף אַ גריי־נע בייט, זי האַלט אין וואַקסען... אַ ביסעלע מעהר ליכט; מעהר טוי; מעהר זונענשיין — מעהר פריהלינג און זי וועט דורכברעכען די ברוסט מיט אַ הלל הגדול צו דער יונגער וועלט.

אָנהויב פֿריהלינג

מזל טוב דיר, ערד!
אך, ווי וואויל דיר ווערט!
אייביג איז בעשערט
דיר צו בלייבען שען.
דו ביסט לאנג ניט אלט,
פרישער לעבענס־גוואלד
וועקט דיין יוגענד באלד,
מינטערט אויף דיין חן.

דיין געבענשטער בליק,
דיין פערשוואונד'נער גליק
קעהרט זיך אום צוריק
מיט דעם פריהלינגס פראכט.
נאָר דער מענש אליין
וועלקט און מוז פערגעהן
מיט א שמערץ־געוויין
אין דער קאלטער נאכט.

דרום זיי מיר געגריסט,

מוטער, וואָס דו ביסט,
כל זמן דיינע בריסט
זויגען מיך נאָך אָן!...
איידער איך פערשווינד,
ווער דעם שאטענ׳ס קינד,
טרוים און אש, און ווינד,
און שפּיעל אוים מיין קאָן...

עס איז פריהלינג!

דער הימעל איז דורכזיכטיג און קלאָר, עס זעהען זיך די פּים פון דער שכינה.

בלאָה די יריעות פון אויבען און בלאָה דער טייך, וואו זיי שפּיעגלען זיך אָב, און צווישען וועבט זיך דער בלויער חלום פון דער יוגענד.

דאָ און דאָרט שוועבט אין דער לופטען אַ שטיק זילבער, ווי אַ שיף פון פּערל אין אַ ים פון לאזורע, און פערליערט זיך ערגעץ אין דער פערקלערטער ווייטקייט.

נאַאיווע בעגריפען, ווי נאַקעטעטע נשמות, פליעגלען לייכט און לינד דורך לאַכענדע האָריזאָנטען, זאפּען איין אין זיך די סודות הטבע און פערוואַנדלען זיך אין ליע־דער...

אַ שוואַלב קומט צוריק פון זוניגען זידען, מעסט די לופט, זוכט איהר אַמאָליגען נעסט, דערזעהט איהם פו־ווייטען און לאָזט זיך זינגענדיג אַראָב אויף אַ בוים אָדע אונטער דעם געזשימס פון אַ הויז...

דאָס וואַקסען און שפּראָצען איז ניט מעהר קיין טרוים.

דער דאַרער, הוילער האַלץ בעקומט סמנים פון לע־בען. די טויטע, אָבגעשטאָרבענע צווייגען, וואָס האָבען אויסגעזעהן ווי הייץ־מאַטעריאַל, ווערען בעזעצט מיט יונגע פּליטערלאַך, וואָס בעוויזען זיך פּלוצלונג ווי דורך אַ שם. דער גאָרטען פאַנגט אָן ריידען אין גרינע היראָג־ליפען, וואָס דאַרפען ניט קיין ווערטער בוך...

דער אַלטער, צאָרענדיגער דעספּאָט, דער ווינטער, איז פערגאַנגען און זיין יורש עצר, דער פריהלינג, בע־שטייגט דעם טהראָן מיט גנאָד און רחמנות... זיין קרוי־נונגס מאַניפעסט איז פרייהייט, זיין טהראָן־רעדע — גענוס פאַר יעדע בעשעפענים.

די געפאַנגענע געפיהלען געהען אַרויס פון זייער ענ־גע, קאַלטע תפיסה. אלל־דאָס שענע און ליכטיגע, וואָס האָבען רעוואָלטירט געגען דעם שרעקליכען טיראַן, טוי־כען אויף פון זייער דומפּפע בעהעלטענים און ווערען גע־קושט פון פריהלינגס זוניגע ליפּען, און בעזעעלט פון זיין פאַרפורמירטען אָטהעם.

די וועלט דערזעהט זיך אליין און ווערט ענטציקט פון איהר אייגענע שענקייט. דער גייסט קומט אַרויס פון זיין איינזאַמע, צוריקגעצויגענע טיעפקייט, צו וועלכע דער ווינטער האָט איהם מערדעריש פעראורטיילט; ער שיקט אַוועק זיין ווייסע טויב אויף דעם מבול פון מעלאַנכאָליע און זי קומט צוריק מיט אַ גרינע בלאַט אין מויל...

די תבה פון דער צייט בלייבט ענדליך רוהען אויף

די „חרי אררט" פון דמיון און דער שטערבליכער געהם ווידער אויף זיכערען באָדען... ער קניעט אַנידער אויף דעם פריינדליכען שוים פון יונגע פעלדער און פאַנגט אָן זייען און פפלאַנצען, און בויען, און האָפען...

ניט מעהר איז די ליעבע איינגעקערקערט אין אַר־מעטיגע ד' אמות פון א ערדישע געביידע; ניט מעהר זיינען ווענט פון לוים א מחיצה צווישען נאַטור און מענש; לוסטיג, ווי א שמעטערלינג אויף גליהענדע רויזען, טראָגט די פערליעבטע זעעלע איהרע זיסע וועהען אין גאָט'ס אָפענעם לאַנד אריין.

דאָס איז אַ געהויבענער מאָמענט!

דער „ערב פריהלינג" האָט זיך פערוואַנדעלט אין פ ר י ה ל י נ ג, די הייליגע ערוואַרטונג איז מקוים געוואָרען. די פאַנטאַזיע האָט אויסגעבריהט איהרע פייערפויגלאַך אין דער זון און האָט זיי איבערגעטראָגען ביי דעם דיכטער אין דער ברוסט פון וואַנען זיי צוקלינגען זייערע פריהלינגס־פּסאַלמען פאַר דער אייביגקייט...

נעבען די וואַסער־פאַלען זינגט ער, אויף די שמעקעדיגע קוסטען יאָגט ער נאָך דעם שאָטען פון קינדהייט און אונשולד, אויף די בעגרינטע סטעזשקעס מאַכט ער דורך דעם וועט־לויף צווישען געזאַנג און ליכט; ער פערהערט זיך מיט זיינע געפליגעלטע חברים און שלינגט איין די געדאַנקען פון די וועלדער.

די אמת'ע ליעבע ערשיינט!

פריהער זיינען הימעל און ערד נאָהענט געווען אויס נויט; יעצט פערבינדען זיי זיך דורך שמחה. דער ווינטער

האָט דעם הימעל נידעריג און די ערד אָרעם געמאַכט; זיי פעראייניגט אָהן ליעבע־לוסט, אָהן װאַרעמען טריב פון צוזאמען לעבען, װי אַ שקלאַװען־טרייבער בעלייגט זיינע דיענער מיט געװאַלד און קאַפּריזען; דער פריהלינג אָבער האָט זיי געגעבען אַ מעגליכקייט זיך צו פערליעבען איינע אין די אַנדערע...

יעצט איז דער הימעל הויך און ליכטיג. ער האָט מעהר בלוט, מעהר גבורה, מעהר התלהבות און די ערד איז יונג און ליעבליך װי אַ כלה. די ליעבע איז ניט קיין געצװאונגענע. עס קושען זיך הימעל און ערד, און דער װידער־קול פון זייערע קלינגענדע ליפּען ציטערט אָב אין די הערצער פון פערליעבטע.

עס איז פריהלינג, װען די אייביגע שייכות צװישען הימעל און ערד װערט מעהר בולט; װען אונזער „טאַטע־מאַמע" בענייען זיך, און נעהמען זיך אַרום אָהן צערע־מאָניעס פאַר די אויגען פון זייער פאַמיליע, און האַלזען זיך אין געגענװאַרט פון זייערע קינדער...

און זייערע קינדער זיינען אַלע און אומעטום. אַלץ, װאָס שפּראָצט, װאַקסט, לעבט, זינגט, און רעדט זיינען די פרוכט פון זייער געהיימע און אָפענע בעהעפטונגען. װאָס עס איז אָנגעגאַנגען אונטער די דיקע קאָלדרע פון װינטער קומט ערשט יעצט צור ליכט... די נאָהנטקייט פון הימעל און ערד אין די שטילע בעטען פון פראָסטיגען דעצעמבער װערט ערשט פער'מסר'ט פון פריהלינג, בע־שטעטיגט פון זומער און מאַניפעסטירט פון הערבסט... אַ

יאָהר אין דער נ אַ ט ו ר איז ווי דער פרוכטפולער זיווג פון מענשען.
ווער קען דאָס פערטשאַדען דעם מח מיט׳ן רויך פון ערנסטע בעטראַכטונגען ווען דער מאָרגען קומט אָן מיט אַ שמייכעל אויף די בערג און דער טאָג שפּאַציערט אין מאַיעסטעטישען פּראַכט איבער די טהאָלען; ווען אַ יב קרייטעכער פאַנגען אָן דורכבערעכען די אויבערפלעכע פון פעלד ווי די ערשטע ליעבעס לײדען דעם ווייסען בוזים פון אַ יונגע פאַרשוין?
דער ערנסט פון דער אויפגעשפּראָצטער לעבענס־צייט דערטרינקט זיך אין צייט׳ס אייגענעם צויבער, וואָס וויעגט זיינע ווייכע וועלען איבער די גרינסען. די האַרטסטע שאלות ווערען צושמאָלצען אין חשק פון געננום ווי שטאָהל אין אַ טיגעל.
עס איז אַ וואונדערבאַרע פאַרשטעלונג!
די וועלדער און פעלדער, און טייכען שפּיעלען אַ מין כשוף־פאַנטאַמינע, זיי שפּיעלען אויף שטום־לשון, זיי דזשעסטיקולירען, מאַכען מינעס, שמייכלען, לאַכען, וויינ־קען; זיי אַרט ניט אויב מען פערשטעהט זיי אָדער ניט... אָבער ווער קען זאָגען ער פערשטעהט ניט, ווען די אָווער־טורע פון פויגעל־אָרקעסטער גיט איבער אין טענער דעם אינהאַלט פון דער הייליגער אידיליע?
איך בגרייף דאָס, איך זעה דאָס און פיהל דאָס. איך בין דאָס „פּובליקום“. איך פּאַטש „בראַוואָ“ מיט דער נשמה, מיין פיהלענד האַרץ שרייט „בים“, מיין ליעד רעדט אַרויס, וואָס די נאַטור פערשוויינט... איך וויים, וואָס דער

פריהלינגס־רעגען זאָגט צו דער ערד, וואָס דער טהאָל־שטראָם מיינט, רוישענדיג צווישען די פעלד־גראָבענס, איך פערשטעה פאַרוואָס דער בליץ שפּאַלט די הייך און די ווערבע איז טרויעריג... איך לייען די גרינע, נאָר־וואָס אַרויסגעשפּראָצטע פּופּטשיקעס אויף די צווייגען, די דראָבנע, יונגע בלעטעלאַך, די רש״י־כתב פון דעם גרוי־סען אונשטערבליכען ספר...

און בין איך דען נאָר דאָס פּובליקום? בין איך אויך ניט איינער פון די טאַלענטע? שפּיעל איך דען אויך ניט מיט אין דער מיסטישער טהעאַטער־שטיק א גרויסע ראָ־לע? בעוואוסט אָדער אונבעוואוסט שפּיעל איך... דער מענש איז אַן אַקטיאָר און אויב ער איז נאָר געשאַפען צו אַפּלאָדירען, איז דאָס זיין ראָלע. אָהן א פּובליקום איז קיין פאָרשטעלונג. ווען דער גרויסער דראַמאַטורג, וואָס וואוינט איבער די שטערען, האָט פערפאַסט זיין געניאַלעס ווערק, האָט ער נאָכדעם געשאַפען דעם „פּאַט־ריאָט", דעם בראַוואָ־פּאַטשער, וואָס זאָל איהם ארויסרו־פען אויף דער ביהנע...

דערפאַר ווער איך אַזוי ענטציקט ווען דער שווערער פאָרהאַנג פון ווינטער הויבט זיך אויף און די געטליכע סצענע טרעט אַרוים אין פאָדער־גרונט. איך בין געבאָ־רען זיך צו בעגייסטערען, דער ענטהוזיאזמוס ליעגט מיר אין די ביינער און מיין מויל געהט איבער מיט א אינניג־סטען „הורראַ" פאַר דער „תחית־המתים" פּיעסע געשפּיעלט פון אייביגע קרעפטען אויף די ברעטער פון לעבען...

די ערד און איך

(א פריהלינגס־גרוס).

גוט יום טוב דיר, בענייטע ערד, וואָס שטעהט פערפוצט און בשמים'דיג צו געפעלען דאָס לעבען!

ווי הערליך דער אַלטער געניטער „מאָדיסט“ האָט דיך בעקליידט, אַז עס בלאנקט פון דער וייטען!

דאכט זיך דער זעלביגער פאַסאָן, וואָס פאר אַ יאָהרען, דער זעלביגער „שניט“, די זעלביגע פליטערלאך, גאַליינדלאך, קוקאַרדעס, קווייטלאך, בלימעלעך, טאשמעס, די זעלביגע קאָלירטע בענדער שלייפען און אויסגעצאַצקעטע שניר, דאָך ליעגט אויף אַלץ אַזאַ נייקייט, אַזאַ נשמה־לוסט, אַז לעבען געהט אוים נאָך דעם...

און ווען און וואו איז דאָס אַלץ געמאַכט געוואָרען? וואו איז די געהיימע ווערקשטאַט און וואו זיינען די געזעלען? ווער האָט דאָס אַלץ גענייט, געהעקעלט, געגעלט, געפאַרבען, געמאָסטען, צוגעפאסט און אָבגעבראַכט?

איז דאָס געשעהן ערגעץ איבער די וואָלקען, איבער

דעם געגרייך פון די שטערבליכע, איבער די מעגליכקייט פון זייער בליק, כדי זיי זאָלען ניט שטערען די בעלי־מלאכות אין זייער עדעלע בעשעפטיגונג, וועלכע שרעקט זיך פאר אַ'ן עין הרע?...

אָדער איז דאָס געאַרבייט געוואָרען אונטער דיין אייגענעם שטומען צודעק, געציערטע ערד? האָסט זיך דאָס אפשר גאָר אַליין בעקליידט, אַליין דיינע חתונה־בגדים געמאַכט?

אפשר זיינען זיי גאָר ניט קיין נייע? דו האָסט זיי נאָר געהאַט בעהאַלטען אוועקגעלייגט, אָבער זיי זיינען די זעלביגע פון פריהער, פון אַמאָל, פון גאָר, גאָר אַמאָל נאָך פון ששת ימי בראשית?...

דו נעהמסט זיי אפשר יעדען פריהלינג אַרויס און יעדען הערבסט לייגסטו זיי ווידער אַריין אין די געהיימע שופלאָדען פון דער נאַטור, וואו זיי בלייבען גאַנץ אין זייער פּרעכטיגקייט, ניט צוקנייטשט און ניט פער־פלעקט?...

אָ, דו געבענשטע בעל הבית'טע, דו שוינערין, וואָס ניצט איהר טואַלעט זייט די פערזאַמלונג פון די וואַסערען אין איין פונקט, זייט די זון האָט דיך צום ערשטען מאָל בעגריסט און צוגעשוואָרען פריינדשאַפט — און דאָך איז זי ניט אָבגעניצט, דיין טואַלעט, דאָך איז זי אַזוי מחיה־דיג געשמאַק, אַזוי פערפיהעריש מאָדנע, אַזוי שמעקע־דיג פריש, אַז די וועלט שטוינט פאר בעגייסטערונג.

און וואָס עלטער דו ווערסט, אַלץ שעהנער, אַלץ מאָד־נער, אַלץ צויבערהאַפטער, אַלץ צוזאַגענדיגער, אַלץ אינ־

טערעסאַנטער ווערסטו, אַלץ מעהר וויל דאָס לעבען זיך נים שיידען מיט דיר, אַלץ מעהר ליעבט עס דיך...

דו ווערסט גאָר ניט מיאוס, ניט אַלט, ניט אָבגע־בליאַקירט, ניט „צוגעגעסען"; פערקעהרט, ווערסט נאָך מעהר איינגעבאַקען אין האַרצען, דו קוויקסט ווי אַלטעס וויין, ווי יונגע שענהייט, ווי מאָרגען־ליכט. און ווי דו וואַקסט אַלץ אין אייביגע יוגענד און הימלישען חן אַזוי וואַקסט דיין אייביג־נייע גאַרדעראָב, וואָס פערנעמט דאָס אויג און רופט אַרוים אַ הייליגען „התחדש"...

לערען מיך, דו אונפערענדערליך שענע, דעם סוד פון אייביגע יונגקייט, די חידה פון שטענדיגע נייקייט, דעם רעטזעל פון אַזאַ געטליכע בעלי־בית'עשאַפט ווי דיינע! ווייז מיר אָן ווי צו פערהיטען מיינע געדאַנקען פון מאַיל, מיינע געפיהלען פון וועלקען, מיין שטרעבען פון מיעד־קייט, מיין וואונש פון יאוש און מיין שאַפען פון אונטער־גאַנג... ענטפלעק מיר דעם אָרט פון דיין הייליגען קאַמאָד איך זאָל דאָרטען קענען בעהאַלטען מיין גייסטיגען „שטאָט" פון די פערדערבליכע צייהנער פון דער צייט!

איך קלעהר און קען ניט דערקלעהרען.

אין וואָס אייגענטליך ליעגט דיין מאַגנעט, וואָס גע־ווינט די דורות און האַלט דאָס לעבען נעבען זיך ווי מיט כשוף? מיט וואָס בעהערשסטו די יאָהרהונדערטען זיי זאָלען דיך בעזינגען און פערהייליגען? אָ, ערד! איז דאָס דיין שיינבאַרע אונשולד, דיין אונגעקינצעלטע האַלטונג און דיין אונענדליך גרויסע געדולד, אָדער איז דאָס דיין איגנאָרירען די, וואָס טרעטען דיך, דיין ניט קימערען זיך

אום קיינעם, דיין גלייכגילטיגקייט צו אלץ און צו אלע־מען, דיין שטילעם „אוועקקוקען“ וואס זעהט אלעם?

איז דאס ליעבע, איז דאס אכטונג, וואס די וועלט האט צו דיר, אדער איז דאס בלויז די געוואוינ־הייט, וועלכע לאזט זיך ניט אפרייסען פון דיין גרינעם ווינקענדען פארטוך?...

פוצטו זיך דאס טאקע מיט א חשבון: אום צו גע־ווינען, צו פערלאקען און צו פערפיהרען, אדער דו ציערסט זיך צוליעב זיך אליין און דו ביסט נאר דאס וואס דו ביסט, זיך ניט חנפה'נדיג צו דיינע פערעהרער און חסידים?

אפשר ביסטו גאר ניט אזוי נאאיוו ווי דו ערשיינסט, אזוי אונשולדיג ווי עס דאכט זיך... אפשר ברענסטו און ציטערסט פאר ליידענשאפט, נאר דו קענסט אזוי בע־הערשען, פערדעקען וואס אין דיין קאכעדיגען שוים געהט פאר, אז דיין זינדיגער פערלאנג זאל ענטרינען דעם בליק פון פערדעכטיגונג?... אפשר ביסטו גאר ניט אזוי שען און דאס איז בלויז דער יצר הרע־טריב פון אייביגען „ווע־רען“ און „זיין“, וואס ציהט צו דיר דאס לעבען מיט ליעבעס־בענדער, וואס זיינען שטארק ווי דער טויט?...

איך ווייס ניט!

עס איז פריהלינג, און איך קען זיך ניט אפרייסען פון דיין מאיעסטעט. טויזענד פלאטערענדע חלומות ליע־גען אין דיינע פערבלומטע פאלטען און א הימעל מיט רוחניות וועהט פון דיין בליהענדיגען פנים. וואו איך געה שוועבט מיר דיין צויבער ענטגעגען. דו רעדסט צו

מיר דורך דעם פּאַרפומירטען ריח פון די לאַנקעס, דורך דאָס מורמלען פון די בעהאַלטענע קרעניצעס צווישען די בערג, דורך דעם הוזש פון ביהן און דורך דעם עדעלען געזשום פון דער פרעהליכער פליעג.

וואו ביסטו פריהער געווען, דו יונגע בת מלכה ערד? ביסטו דאָס די זעלביגע וואָס מיט אַ פּאָאַר חדשים צוריק, אָדער איז דאָס געווען דיינע אַן אַלטע שוועסטער, אַ זקנה, אַ פערוועלקטע, אויסגעלאַשענע בתולה, וואָס איז פערזעסען ביז דעם גרויען צאָפּ? אָ, ניין! דאָס איז ניט דו געווען! יענע איז געווען אַ גרויע, מיט איינגעשרומ־פענע באַקען, מיט אַ קאַלטען, פראָסטיגען אָטהעם, מיט איינגעפאַלענע בריסט ווי ניט קיין אויפגעגאַנגענע קידוש־חלה; מיט אַ פערוויאַנעטען בוזים, וואָס איז קיינמאָל ניט בעריהרט געוואָרען מיט די גליהענדע הענד פון דער זון; וואָס איז ניט געגלעט געוואָרען פון לוסט, און ליעבע, און זיסע טרוימען און איז אַזוי פערלאָרען גע־וואָרען אין זיך אַליין...

איך בין ערשטוינט!

קליידער קענען קיינמאָל ניט אַזוי פערענדערען אַ געשטאַלט, אַז מען זאָל עס ניט מעהר דערקענען ווי איך דערקען דיך ניט... דו ביסט די אייגענע, וואָס לעצטען פריה יאָהר, אָבער ניט די זעלביגע, וואָס איך האָב ווינ־טער געזעהן... איך וויים דיך און איך וויים דיך ניט. אַ שטילע, אַנגענעהמע שרעק אומשפינט מיך, איך פרייז זיך און ציטער. טאָמער ביסטו גאָר אַ מכשפה און איך גע־פין זיך אין מיטען פון אַ זעלטענעם בלענד, וואָס פער־

כמאַרעט דאָס בעוואוסטזיין און פּערוויעגט די ווירקליכ־
קייט אין אַ דרימעל פון פיעל פּאַרביגע דמיונות.

איך האָב מורא, אַז דו ביסט צו שען, צו ערהאַבען, צו ליעבליך און צו רייצענד צו זיין אַ'ן אמת... אונזער ערד איז צו ביטער, צו טרויעריג, צו נאַס פון בלוט און טרערען, צו פיעל אָנגעפּילט מיט דעם יאָמער פון בעטראָגענע האָפנונגען. און דו ביסט אַזוי מילד, אַזוי האַרציג, דיינע בעגרינטע וויזען ווינקען צו גענום, דיינע רייכע פעלדער דערצעהלען פון איבערפלוס און צופריעדענהייט... דיינע בליהענדע בוימער פּערטרויען די סתרי־תורה פון העכערער ליעבע און דיינע פויגעל ענטציפערען די בשורה פון אַ גייסטיגע ערלייזונג, אויף דיינע זילבערנע וואַסערען שטיפט די פריידע, אין דיינע פּערשפּיצטע בערג נעסטען די פאַנטאַזיעס און אין דיינע פּרוכטבאַרע טהאָלען טאַנצען די תענוגים.

אָ, ווען איך זאָל זיך פון אַט דעם דאָזיגען כשוף קיינמאָל ניט אויפכאַפּען, ווי גוט וואָלט מיר געווען! ווען איך זאָל דאָס שטענדיג קענען מיט אַזאַ גן עדן נחת וואַנדלען צווישען דיינע אָפּענע, בעלעבענדע אַלעען פון געווירציגע בלעטער און בלומען, אָ, ערד, מיט דער לערכע איבער'ן קאָפּ און צוויט אונטער די פיס; ווען אין די פערבאָרגענע קעמערלעך פון מיין מאַרך זאָל קיינמאָל ניט אויפשפּראָצען דעם ספק און צווישען די פלאַמענדע קוסטען פון מיינע געפיהלען זאָל ניט אַריינקריכען די קאַלטע שלאַנג פון פּערדרוס; ווען איך זאָל ניט דאַרפען

מישען דיינע פערל מיט מיינע טרערען און דיינע לוסט־גערטנער מיט מיין יאוש!

חלומות... חלומות...

בין איך דען שוין ניט פער׳סם׳ט פון צווייפעל, געביסען פון פערדרוס און בעטרונקען פון יאוש? ציטערען דען ניט מיינע פייכטע ברעמען איבער פולע אויגען און פלאָנטערען זיך ניט מיינע טריט ווי ביי א שכור פון אַן אונערקלעהרליכען שמערץ? ווען איך קניע אַנידער צו קושען דעם הויך פון דיין פרומע ליליע, אַ ערד, ווילט זיך מיר פאראיינם אַ גראָב טהאָן מיט די נעגעל אין דיין ריכענדען לייב צו זעהן דעם וואָרים... ווען איך בעוואונדער דיינע גרינע בלעטער ווילט זיך מיר קוקען אויף זייער לינקע זייט און זעהן די מיאוסע נעט מיט וועלכע זיי זיינען צונויפגעשטשאָבעט...

די רויז פרעהט מיך ניט אַזוי ווי איהר דאָרען שטעכט מיך...

גענוג! דו ביסט שען מיט אַ „נור", איך קען דיר ניט אין גאַנצען געניעסען. גליקליך זיינען די, וועלכע זעהען נור, וואָס זיי זעהען, — איך זעה צוויי מאָל...

מענש און אייביגקייט

(וועגען ניי־יאָהר).

עס פליהען די טעג
אָהן וועג און אָהן שטעג,
ווער מערקט ווי זיי טומלען אוועק?
אַט ביסטו א קינד
און זעה ווי געשווינד
ביסט אלט און פערמאטערט א שרעק!

אָפט שטעלט מען זיך פאָר
די יונגע פּאָאר יאָהר,
אָפט גיט זיך פון לעבען א קלעהר,
און וועה, מען דערפיהלט
די צייט איז פערשפּיעלט,
עס לעבט זיך ניט, לעבט זיך ניט מעהר!

דאָך ניט נאָר אליין
דער מענש מוז פערגעהן
אזוי ווי קיינמאָל ניט געוועזן,

אויף אלץ, וואס איז דא,
מוז קומען א שעה,
די לעצטע מינוט מוז געשעהן.

מיר שטעהען ביי דעם שוועל פון א נייעם יאהר.
א נייער יאהר, וואס איז א יאהר?
מיר ווייסען נים וואס דאס איז.
מיר האבען נים קיין בעגריעף פאר די יאהרען און קיין חשבון פאר דעם לעבען, אן אייביגע רעטענים איז די וועלט.

פערגאנגענהיים, געגענווארט, צוקונפט, דאס זיינען בלויז נעמען פון זאכען, וואס האבען קיין ממשות.
די פערגאנגענהיים איז א'ן אבגע'חלומ'טער חלום, די געגענווארט — א חלום, וואס ווערט ערשט גע־חלומ'ט, און די צוקונפט — א חלום, וואס דארף נאך גע־חלומ'ט ווערען.

ווי א וואוויארקע, וועלכע דרייט זיך אויף א רעדעל, מיינט, אז זי איז איינגעלאפען ווער־ווייס ווי ווייט און זי דרייט זיך מיט אלע כחות אום גיכער צו קומען אויף אן ארט, אדער צו ענטלויפען פון איהר געפאנגענשאפט, אבער אין אמת'ען בלייבט זי אלץ אויף דעם זעלביגען פלעק, — אזוי דרייען מיר זיך אויף דעם רעדעל פון דער צייט, מיינענדיג, אז מיר פראגרעסירען; מיר שפאנען פאראוים, אבער מיר בלייבען דאך אויף דעם אייגענעם פונקט, ביז מיר ווערען מיעד און פערמאטערט און אן אנדער „וואוויארקע" פערטעהמט אונזער רעדעל...

פונקט ווי דער זעלביגער אַלטער, אייביג־יונגער ים פּאַטשט אַלץ דעם זעלביגען ברעג, אַזוי שלאָגט אַלץ דער זעלביגער ים פון דער צייט דעם האַפען פון לעבען.

ביידע: אי צייט אי לעבען זיינען אונפערענ־דערליך: דער זעלביגער ים, דער זעלביגער האַפען.

ביי'ם שוועל פון אַ נייעם יאָהר!

דאָס האָט זיך בלויז דער אַלטער יאָהר איבערגע־דרייט און זיך אומגעקעהרט צוריק. מעהר ווי פיער יאָה־רעם צייטען האָט ניט די וועלט. פיער סמנים האָט די נאַטור אונז געגעבען אָן וועלכע מיר זאָלען דערקענען אונזערע אייביגע נישטיגקייט און דאָס אָנרופען מיט אַ נאָמען.

מיר לעבען נאָר איין יאָהר!

ווען די גרויסע, פלאַמענדע הימעלס לאַנטערנע האָט זיך אָנגעצונדען און פערלאָשען 365 מאָל, רופען מיר דאָס „יאָהר". מיר מיינען, אַז מיר זעהען אַלץ נייע טעג, נייע וואָכען, אַז דער „נעכטען" איז געשטאָרבען און וועט זיך שוין מעהר ניט אומקעהרען צוריק, און דער „היינט" איז אַ יונגער, אַן אונשולדיגער, ערשט געבאָרענער, ערשט יעצט אַרויס פון דעם גרויסען, ליכטיגען אוצר פון טעג.

אין אמת'ען אָבער איז דאָס דער פאַלשער, ביטערער, טרויעריגער „נעכטען", דער פערשאַלטענער רמאי, וואָס האָט אָבגענאַרט די חכמים פון אַמאָל און וועט פער־שווינדלען די פילאָזאָפען פון דער צוקונפט. דאָס איז דער זעלביגער אונגליקליכער, אויסגעשפּיעלטער קאָרט ער־שיענען אין אַ נייעם קאָן...

אַלט איז די נשמה פון דער וועלט, אַבוואַהל מיר בעגריפען אַלץ נייע דורות. „סובב, הולך הרוח ועל סביבותיו שב הרוה", עס דרעהט זיך, געהט פאַרוועדטס דער גייסט און קעהרט זיך ווידער אום אויף דעם זעל־ביגען אָרט צוריק.

אין דעם זינן זיינען ריכטיג די ווערטער פון קהלת:

„דאָס, וואָס איז, דאָס איז געוועזן און וועט זיין, ניטאָ קיין נייעס אונטער דער זון". דער מענש וועט אייביג וויסען און ניט וויסען, קעמפּפען און ניט דערקעמפּפען. אייביגע נצחונות און אייביגע ניעדער־לאַגעס. „עס דרעהט זיך דער גייסט און קומט ווידער אויף דעם זעלביגען אָרט צוריק".

און ווי שען, ווי ליריש היינע האָט דאָס אויסגע־דריקט! —

דאָס פרויליין שטאנד אם מעערע
זויפצטע לאנג אונד באנג,
עס ריהרטע זיע זאָ זעהרע
דאס זאָננענאונטערגאנג.

מיין פרויליין זיי'ן זיע מונטער,
דאס איזט אן אלטעס שטיק;
היער פאָרנע געהט זיע אונטער
אונד קעהרט פאָן הינטען צוריק.

ווי אַזוי קומט אָבער דאָך די פערשיעדענע ענדערונ־

גען אין דער צייט, די שטענדיג־נייע בעוועגונגען אין דער וועלט און די אימער־איבערראשענדע געשעהעניסען ווען די יאהרען זיינען אלץ די אייגענע?

פון דעם זעלביגען מקור, וואס דער אלטער ים בע־קומט זיינע פערשיעדענע נייע וועטערונגען, שטורעמס און געוויטערס, און די אלטע נאטור איהרע אלערהאנדיגע אונגעריכטע קאפריזען, וואס מאכען ציטערען אונזער קורצען אויפהאלט אויף דער נארישער ערד.

מיר ווייסען ניט, פערשטעהען ניט די טיעפע, אינער־ליכע סודות פון לעבען.

די גרויסע, וואונדערליכע וועלט־געשיכטע איז ניט מעהר ווי א פנקס פון ים־נסיעות בעשריעבען פון אלטע, געניטע מאטראזען, פון ערפאהרענע שיפס־קאפיטאנען... די היסטאריע פון שטייגען און פאלען פון נאציאנען איז בלויז א רעקארד פון עבבא און פלוט אויף דעם ים הגדול פון דער אונענדליכקייט און אונזערע אלע חשבונות און ספעקולאציאנען וועגען די צוקונפט זיינען ווי בעריכטען פון א וועטער־ביורא: זאנשיין, וואלקען, רעגען, שטורמס פון פערשיעדענע זייטען א. ז. וו.

אונזערע דיפלאמאטען, סאציאלאגען און פילאזאפען זיינען בלויז וועטער־נביאים, שטערען־זעהער. איין מאל טרעפען זיי און הונדערט מאל ניט. ניטא קיין קל וחומר'ם אין דער געשיכטע פונקט ווי אין דער נאטור.

אלע סמנים ווייזען אויף א שטארקען נארד־ווינד, וואס וועט רייסען דעמבעס און איבערקעהרען בערג, עס

איז אָבער גראָד אַ מילדער זומער־וועטער, די זון שמייכעלט און די שפּאַציער־שיפלאַך גליטשען זיך אויף וועלען פון זילבער.

און פערקעהרט.

ווי עהנליך דער אויפשטאַנד פון א י י ן לאַנד צו די רעוואָלוציאָן פון אַן אנדער לאַנד, דאָך איז דער סך הכל אַן אַנדערער. אין איין מדינה האָט דאָס פאָלק געקעפּט דעם קעניג און אין די צווייטע — קעפּט גאָר דער קעניג דאָס פאָלק...

עס איז אַלזאָ דער זעלביגער ים, די זעלביגע נאַטור, נאָר אַנדערע אונערקלעהרליכע סיבות, וואָס פערענדערען דעם פועל־יוצא, אָט דאָס איז אונזער לעבען, אָט דאָס איז די צייט, אָט דאָס איז די וועלט. זי איז ניי און אַלט און דאָך ניי.

ביים שוועל פון אַ נייעם יאָהר.

שווידערענדיג ביי דיעזען מיסטישען, רעטהזעלהאַפטען שוועל שטעה איך מיט אַ קלאַפּענדיג הארץ צווישען דעם „אַלטען" יאָהר און דעם „נייעם", צווישען אַ בלייבען, אויסגעלאָשענעם ציפער און דעם ליכטיגען, ווינקענדיגען ציפער, וואָס מיר אַליין שרייבען אויף... אַ שטיקעל ביטערנים צווישען די צוויי צובראָכענע מצה'ס „פערגאַנגענהייט" און „צוקונפט", ביי דעם חידות־פולען „סדר" פון לעבען, הער איך ווי די אייביגקייט זאָגט איבער מיר „כן עשה הלל" און איך פיהל ווי איך ווער פערשלונגען...

מיעד, פערמאַטערט פון דרייען דעם ראָד פון אונזער שרעקליכען עקזיסטענץ, ווערט מיך דער נייער יאָהר, —

דאָס הייסט דער פ ע ר ג א נ ג ע נ ע ר יאָהר, וואָס האָט געמאַכט זיין אַלטען „בואי בשלום“ און האָט זיך אומגע־קעהרט צוריק מיט'ן פּנים צום עולם, — יאָ, וועט מיך אָט דער זעלבער אַלטער־נייער יאָהר געפינען שוואַכער, טוי־טער ווי פאַר אַ יאָהרען און דאָס וועט אַלץ אַזוי לאַנג דויערען, ביז ער וועט מיך אַ מאָל אין גאַנצען ניט גע־פינען.

וועל איך אָבער דעמאָלט פעהלען? וועט בלייבען מיין אָרט ליידיג? וועט ערגעץ אומבלאָנדזשען עלענד מיין ליעבע, וואָס איך האָב געדאַרפט געניסען, מיין קאַמפף, וואָס איך האָב געהאַלטען אין קעמפפען, דער פלוך און די ברכה, וואָס איך האָב אַרויסריידען געדאַרפט?

חלילה!

דאָס לעבען איז מיין יורש.

ער פערגעהט ניט מיט מיר; ער קלעפּט צו דער צייט. טריט און טריט געהט ער מיט איהר דורך טאָג און נאַכט אָהן די קלענסטע ענדערונגען. דאָס זעלביגע לעבען, וואָס האָט מיר געגעבען אַ וויעג וועט מיר געבען אַ קבר; ער וועט אַפילו נאָך מיר קיין קדיש ניט זאָגען, קיין „יאָהרצייט“ ניט שטעלען. ירש'ענען וועט ער גלייך אַלע מיינע גענוסען, ליידענשאַפטען און הנאה'ס.

„עס שיינט די זון, עס פערגעהט די זון און וועלט בלייבט וועלט“.

איך וועל קיינעם ניט פעהלען, אַפילו ניט זיך אַליין...

וואו וועל איך אָבער אַהינקומען?

דאָרט, וואו איך בין אהינגעקומען נעכטען, דען מיין נעכטיגער „איך" איז שוין אויך ניטאָ און דאָך זעהט מען ניט, וואו ער איז נעלם געוואָרען.

איך וועל זיין דאָרט, וואו מיין לעצטער טרוים, מיין לעצטער געשטאָרבענער וואונש: — אין ערגעץ־ניט, וואָס איז אומעטום.

ערד-ציטערנים

(אויף דעם גרויסען אונגליק אין איטאליען).

עס ציטערט די ערד און שלינגט
אין איהרע טיעפע גריבער,
א דור נאָך א דור פערזינקט,
מיר בלייבען קיינער איבער.

אָן ערד-ציטערניש אין איטאַליען.
וואו, ווען און אונטער וועמען ציטערט ניט די ערד?
ווער פון די שטערבליכע געהט אויף זיכערען גרונד?
האָבען מיר ניט יעדען טאָג מיליאָנען נייע קברים?
אויף וועלכען בייט וואַקסען קיין בית־עולם בלעטלאך?
אונזער שפייז שפּראָצט פון צופוילטע קערנער, מיר פי־טערען אונזער לעבעדיגען „היינט" מיט דעם טויטען „נעכטען" און איין „אַמאָל" פערשלינגט דעם צווייטען.
אויב די נאַטור עפענט ניט אַליין אונזערע גריבער, גראָבען מיר זיי מיט אונזערע אייגענע הענד, אויף אַ נאַטירליכען און אוננאַטירליכען אופן געהען מיר אונטער, מיר בלייבען קיינער ניט פון איבען.

די קינדער טרעטען אויף זייערע עלטערען, דורות אויף דורות טראַמפּלען, עס איז אַן אייביגע ערד־ציטערנים.

יעדע נייע חברה מוז האָבען אַ נייעם בית־עולם, מיר מאַכען בעלער און „פּיקניקס" צו קויפען קרקע, ביי אונזערע גרעסטע עליות זיינען מיר מנדר אויף אַ בית־עלמין, וועלכער האַלט אין איין ציטערען און פערשלינגען זיינע חברה־ברידער.

יעדע זונען־אונטערגאַנג צעהלט מעהר קברים ווי דער מאָרגען־שטערען. ניין! ניט מיר בעזיצען גרונט־אייגענטהום, מיר זיינען דער אייגענטהום פון גרונט, פון אַבגרונט, אונזערע גרעסטע פּריצים מוזען ענדליך פוילען אין דעם באָדען, וואָס זיי האָבען בעזעסען, זייערע אייגענע ווערים פרעסען זיי אויף, זיי האָבען גאָר ניט געוואוסט, אַז די ערד ציטערט אונטער זיי און מיט נאַרישען שטאָלץ, קאַפּריזען און רשעות האָבען זיי געמאַכט ציטערען זייערע שקלאַפען.

אַן ערד־ציטערנים אין סיציליען און קאַלאַבריען.

דאָס האָט זיך בלויז דער טוידט אַביסעל צוגעאיילט.

די זוניגע איטאַליען מיט איהר טיעף־בלויען, לויטערען הימעל, מיט איהר בשמים'דיגע לופט, פול געווירץ און טרעלען, מוז גראָבען איהרע קברים פּונקט ווי די קאַלטע, מרה־שחורה'דיגע גרינלאַנד, קיינער איז דאָ זיין אייגענער בעל הבית, איינציגוויז אָדער קהלות־ווייז, פריהער אָדער שפּעטער — אונזער סך־הכל לייענט זיך „בית־עולם".

די גרויסע, ווי די קליינע, שטאַרבען און זיינען ניטאָ.

משה'ן האָט גאָט אַליין בעהאַלטען אויפ'ן באַרג נבו און קורח'ן האָט די ערד פערשלונגען, די אונטערשטע שורה: — זיי לעבען ביידע ניט מעהר.

אַז גאָט בעגראָבט איז מען אויך אַ מת, שטאַרבען „בנשיקה“ איז אויך געשטאָרבען.

די ערד האָט אונז אַלעמען פיינד און איהר געדולד, וועלכע לאָזט אונז דאָ קריכען, איז נאָר אַ חסד. אָפט קע־נען זיך די קברים ניט דערוואַרטען אויף אונז; אָפט זיי־נען מיר צו לאַנגזאַם, עפענען זיי זיך אַליין און שלינגען אונז איין. זיי פערשפּאָרען אונז קבורה־געלד און חברה־קדישה הוצאות; מיר קומען ענדליך דאָרט, וואו מיר בעלאַנגען און אונזער געשריי איז נאַריש.

איז איבערהויפּט כדאי די מיה און מאַטערנים, דער קאַמפּף מיט די שטירמישע וועלען פון לעבען, ווישענדיג, אַז די צייט איז שטאַרקער פון אונז?

„מיר שלאָגען פּאַליעס
אין אייערע כוואַליעס
און איהר טראָגט זיי אַוועק“...

יאַ, „איהר טראָגט זיי אַוועק“ מיט'ן שטראָם, מיר פערצאַמען אייער וועג מיט חופּה־שטאַנגען און מיט וויעגען, איהר ווילדע כוואַליעס פון דעם אייביג־רוישענ־דען לעבענס־ים, און איהר רייסט זיי אויס ווי קיינמאָל ניט געוועזען, דאָס גאַנצע לעבען זעהט אויס ווי דעם טוידט

אויף להכעיס. אַן אייביגע רייצעניש צווישען בראָך־שטוהל און טהרה־שטיבעל.

— מזל־טוב! שרייט איינער.

— ברוך דיין אמת! — דער אַנדערער.

לויות און כשר־טענץ בעגעגענען זיך.

אַן ערד־ציטערנים אין איטאַליען.

אַט וואָס דער גרויסער לאַנדסמאַן פון די פערשלונגענע איטאַליענער קרבנות, גיאקאָמאָ לעאָפּאַרדי, זאָגט אין זיין געדיכט „צו זיך אַליין“:

„נו, מעגסטו רוהען אויף אייביג,
מיין מידיג הארץ! פערשוואונדען
איז די לעצטע נארעריי,
איך האָב אומזיסט נאָך איהר געגארט.
זי איז אוועק. איך פיהל
די האָפנונג פערלעשט זיך,
דער וואונש נאָך דעם בעטרוג־שפּיעל.
אויף אייביג רוה! ס'איז ניט כדאי,
דאָס לעבען איז ניט ווערטה
דעם קלאַפּען פון דיין דופק;
דאָס גאנצע טרויעריגע „זיין“
דעם קלאנג פון דיינע זיפצען.
דאָס לעבען איז נאָר עקעל
און ביטערקייט, ניט מעהר,
און קויט די ערד.

נו, רוה אצינד! פערצווייפעל
צום לעצטען מאָל!
דער שיקזאל גיט דעם מענשען
ניט ווייטער ווי צו שטארבען.
גענוג! פער'מיאוס זיך אליין,
די נאטור, די בעהאלט'נע מאכט,
דעם פינסטערען, פערשאָלט'נעם וועבען,
וואָס שאפט נאָר יאָמער און געוויין
און רק פון אונזער שאָדען טראכט
און פון די נישטיגקייט פון לעבען".

אָבער לעאָפּאַרדי איז געוועזן אַ פעסימיסט, די וועלט פערצווייפעלט ניט. ווען דער מענש שלינגט מיט דער נשמה דעם רייץ פון שעהנקייט, ווען זיינע געפיהלען שווימען אין אַ ים פון צויבערהאַפטע אָפּערא-מעלאָדיען איז איהם דאָס לעבען ניט „עקעל" און די ערד ניט „קוים". פון די חן-גריבעלאך פון זיין געליעבטע זויגט ער הימעלס-לוסט, אין דעם שמייכעל פון זיין קינד זעהט ער די אונ-שטערבליכקייט און דורך זיין „קדיש" איז ער מתקן נשמות. ניט נאָר לעבען די לעבעדיגע, נאָר אפילו די טוידטע זיינען ניט געשטאָרבען.

אַט אַזוי וויל דאָס די נאַטור.

„דער מלאך המות שעכט
און בלייבט גערעכט".

עס דאַרף אַזוי זיין, מען מוז דאָס פערגעסען.
אַן ערד־ציטערנים אין איטאַליען.

דער טוידט האָט איבערגעטאַכט די לאַנדקאַרטע. מיט זיינע ביינערנע הענד האָט ער אַבגעווישט אַ שטיק געאָגראַפיע, וואָס דאָס קאַכיגע לעבען האָט פערצייכענט. בערג זיינען געוואָרען טהאָלען און טהאָלען בערג, איין איברקעהרעניס אין דער נאַטור.

דאָך דאָס וועט זיך אַלץ פערגעסען.

דער פאָעט פון דער צוקונפט וועט בעזינגען די נייע בערג און די נייע טהאָלען און דער מאַהלער וועט זיי אַבמאַהלען מיט די שענסטע פארבען. די וועלט וועט לעזען די ליעדער און בעוואונדערען די לאַנדשאַפטען, ניט וויסענדיג, אַז זי פרעהט זיך מיט קברים.

דער מענש איז געבאָרען צו פערגעסען. זיין לעבען איז אַ קייט פון ענטוישונגען. ער איז געוואָהנט גענאַרט און בעטריבט צו ווערען. פון וויעג ביז דעם קבר ציהט זיך זיין פערלוסט. ווען זיינע האָפנונגען מיט איהם צו־זאַמען פערליערען זיך און ווערען אויסגעוועבט פאַוואָליע און לעפעל־ווייז; ווען זיין שיקזאַל בע'גנב'עט איהם מטבע נאָך מטבע, הינטער ארום, מיט די לייכטקייט פון אַן אַלטען, געאיבטען און דורכגעטריבענעם קעשעניק, דאַן בעמערקט ער כמעט גאָר ניט זיין שאַדען און איז נאָך אָפט גליקליך אין זיינע אונגליקען. נאָר ווען דער בע־טרוג קומט האַסטיג, מיט איין מאָל; אַלע נאַרערייען פון לעבען פערוויקלען זיך אין אַ האַרטען קנויט און דערלאַנ־גען איהם אין מח; ווען דער בייזער מזל שטעלט זיך

איהם פנים אל פנים מיט אַ האַק ווי אַ גזלן, דער טעות און די אונגליקען קומען ניט מעהר ווי דורך אַ לייקע, נאַר עמערוויז, „ענגראַ“, אין „האַלסייל“ — דאַן ווערט ער איבערראַשט און שרייט אוים פערצווייפעלט.

מיט ערשטוינענדע התפעלות, גליוועריענדיג פאַר דעם שאַטען פון אונזערע אונענדליכע נישטיגקייט לעזען מיר די חורבן־בשורות פון יענעם לאַנד, וואו די מענשליכע גאונות שטעהט אויפ'ן גיפּפעל פון בעוואונדערונג. דאָך, וואָס זיינען מיר אַזוי נתפעל? מיר זיינען אַלע קאַנדידאַטען פון בית־עולם, עס ציטערט אונטער אונז אַלעמען די ערד.

געבענשט איז דער מלאך פון שכחה. זיין היפּנאָטי־שער שנעל אונטער'ן ליפּ איז די איינציגע סגולה פאַר אַלע ציטערנישען.

סצענעס אין די בערג

מיט אַ פּאָאָר טעג צוריק האָב איך מיט צוויי פריינד געמאַכט אַ רייזע איבער די סאוטה־וועסטערן קעטסקילס נאָך דער פיצענאָנציקער שטעדטעלע פּארקסווילל.

מיין כונה איז געווען אַ דאָפּעלטע: ערשטענס צו בעטראַכטען די הערליכע נאַטור פון יענע ערטער און געניסען די קרעפטיגענדע לופט, וואָס איז אַזוי נויטיג פאַר מיין געזונד, און צווייטענס — צו זעהן די פערשיעדענע אידישע פארם־געגענדען, וועלכע ליעגען אין די וואונדערפולע טהאָלען.

מיר האָבען ניט געמאַכט די רייזע אין דעם האָטעל'ס אָטאָמאָביל, זאָנדערן אין אַן איינפאַכע פארמער ברויטש־קע, וואָס האָט אויסגעזעהן מעהר ווי אַ פּראָסטער וואָגען. מיר האָבען געוואָלט, אַז די זאַך זאָל אויסזעהן מעהר נאַ־טירליך און די זעהר ניט־שמעקעדיגע שטיק ציוויליזאַציע זאָל ניט שטערען דעם נשמה־פרישען ריח, וואָס וועהט פון די אור־אַלטע בערג פון סאָלליוואן קאָונטי. אגב האָ־בען מיר מורא געהאַט זיך אָנצוטרויען דעם מלאך־המות, אַז ער זאָל אונז פיהרען.

אונזער פוהרמאַן איז געווען אַן אַלטער, קריסטליכער פאַרמער, וואָס האָט זיך געהאָדעוועט אין די „מאָונטיינס" און האָט געוואוסט יעדער שטעג צווישען די געווילדען.

מיר זיינען אַריבערגעפאָהרען דעם בעריהמטען „פארק מאָונטיין", דעם פאַרק באַרג, וועלכער אָטהעמט נאָך מיט דעם אור־שטאָף פון די מעשי בראשית.

אַן ערהאַבענע ערנסטקייט האָט אונז דורכגעדרונגען דורך אַלע גליעדער. אפילו די פערד האָבען אַזוי ווי מיט אַ כיון אָנגעהויבען צו געהן גאַנץ פאַמעלאַך, טריט אין טריט, כדי צו געבען אונז די מעגליכקייט צו זעהן גאָט'ס וואונדער אין דער אָבגעזונדערטער נאַטור.

מיר האָבען ניט גערעדט, מיר האָבען געשוויעגען. ווערטער וואָלטען דאָרט געווען אַ חילול השם. איך האָב זאָגאָר מורא געהאַט הויך צו אָטהעמען, אום ניט צו שטעררען די געטליכע רוהע, וואָס האָט געשוועבט אַרום אונז.

מיר האָבען געזעהן גאָט, מיר האָבען איהם געפיהלט, מיר האָבען איהם פערשטאַנען...

יאָ, מיר האָבען געשוויעגען און האָבען זיך נאָר געדריקט די הענד פונקט ווי אַריינצודריקען אונזערע געפיהלען איינע די אַנדערע אין די הענד אַריין; אין די בלוטען; אין די נשמות. וואָס מיר האָבען געפיהלט איז געבליעבען אַ געהיימניס, אַזוי ווי די בעשאַפונג פון די בערג. מיר וועלען דאָס קיינמאָל ניט דערצעהלען, מיר קענען דאָס ניט דערצעהלען, דען ווי גיך מיר זיינען אַראָב אין טהאָל האָבען מיר דאָס פערגעסען...

מיר זיינען דורכגעפאָהרען דעם איינזאַמען מעלאַנ־

כאַליש־אָפּטימיסטישע, שמאָלע, גערדאַנקען־ברייטע וועג פון די בערג. פון ביידע זייטען זיינען געשטאַנען דורות, יאָהרהונדערטע און האָבען אונז ערנסט און שאַרף אָנגעגלאָצט.

דאָס זיינען געווען מעכטיגע בוימער, דער שטעם־פּעל פון אייביגקייט איז געווען איינגעדריקט אין זייערע גיגאַנטישע לייבער און דער שאָטען פון פערלאָרענע וועל־טען האָט גערוהט אין זייערע צווייגען.

פון צייט צו צייט האָט זיך געהערט דער קול פון אַן אונבעקאַנטען פויגעל. ער האָט אונז עפּעס דערצעהלט, ער האָט אונז מגלה סוד געווען, נאָר ווער האָט איהם פערשטאַנען? פלוצלונג פלעגט זיך דערהערען אַ שאַרף צווישען די געדיכטעניש און באַלד נאָך אַ שאַרף, פונקט ווי גייסטער וואָלטען זיך געשפּיעלט אין בעהעלטעניש. וואָס דאָרט איז געווען ווייס איך נאָך ביז היינטיגען טאָג ניט.

— וואָס פאַר אַ וואונדערליכע געגענד דאָס איז, האָט פלוצלונג דער פאַרמער בעמערקט זיך ווענדענדיג צו אונז — איך בין אפילו אין די מקומות געבאָרען געוואָ־רען, דאָך ווען איך קום דאָ, ערשיינט דאָס מיר אַלץ ניי און אינטערעסאַנט.

מיר האָבען זיך האַסטיג אויפגעכאַפּט ווי פון אַ זאַנ־דערבאַרען חלום, אָדער אַזוי ווי איינער וואָלט מפסיק געווען אין שוהל אין מיטען שמונה־עשרה... מיר האָבען אויף דעם אַלטען פאַראיבעל געהאַט, וואָס ער איז בער־גאַנגען אַזאַ עבירה. „גאָט זאָל איהם מוחל זיין", האָב

איך אַטראַכט געטאָן און האָב זיך ווידער פּערטיעפט, פער׳דבק׳עט אין הייליגע רעיונות און האָב געפהילט ווי איך האָב עליות נשמה. מיין גייסט האָט זיך צונויפגע־גאָסען מיט דעם טיעפען שווייגען פון די פעלזען און האָט זיך פערוועבט אין אַ געטרוימטען „שמע ישראל“...

— מיר האָבען נאָך ניט דערגרייכט דעם שפּיץ, האָט דער פאַרמער ווידער אונטערבראָכען, אָט ערשט קומען מיר אויפ׳ן רעכטען קאָפּ פון באַרג. מען קען פון דאַנען זעהן אויף צעהנדליגע מיילען ווייט, נאָר די בוימער פער־שטעלען. דאָס שענסטע וועט אָבער זיין ווען מיר וועלען אַראָבפאָהרען פון באַרג אין טהאָל.

איך האָב מעהר ניט געטרוימט.

דער וואָגען האָט גענומען געהן אַלץ העכער און העכער אַרויף, די פערד האָבען זיך אָנגעהויבען אָבשפּאַ־רען אויף די הינטערשטע פיס און מיר האָבען דערפיהלט ווי מיר הענגען אין דער לופטען. עס האָט אויסגעזעהן ווי מיר וואָלטען אריינגעפאָהרען אין די וואָלקען. שרעק און וואונדער זיינען אונז בעפאַלען. מיינע נערוועז האָ־בען געציטערט ווי אין פיעבער; אָט דאַכט זיך פאַלען מיר הינטערווערלאך ארונטער אין אַבגרונד, עס וועט פון אונז קיין זכר ניט בלייבען.

ענדליך האָבען מיר דערגרייכט די קרוין פון „פּארק מאָונטיין“. אַ נייע נאַטור, אַ יונגער, פרישער הימעל, אַנדערע בוימער און אַן אַנדער לופט. אַ קיהלער ווינטעל האָט געוועהעט און געגלעט די צאַרט־פיהלענדע פּפלאַנ־צען, און פערבלאָנדזשענדיג צום וועג האָט ער אונז גע־

קיהלט און געפּעכערט. אַ ים מיט יונגע בוימעלאך דורכ־
געשטרייפט מיט ווילדע בלומעלאך האָבען זיך ענטפּלעקט
פאר אונז. דערביי איז געשטאַנען אַן אַלטער הוילער,
איינגעבויגענער בוים מיט איין איינציגען ארונטערהענ־
גענדען צווייג. ער האָט אויסגעזעהן ווי אַן אַלטער יאַ־
דושליוווער דרדקה מלמד מיט׳ן קאַנטשיק אין האנד אין
אַ חדר פון אלף־בית אינגלאך...

אַביסעל ווייטער איז דאָס הויל. אַ שטיק נאַקעטע
באַרג ווי יעצט אַרוים פון מוטער־לייב. אַט שטעהט אַן
איינזאַמער דוב אַרומגעוויקעלט מיט די וואָרצלען פון אַן
אויסגעריסענע סאָסנע, וועלכע דער ז׳ונער האָט מן הסתם
אויסגעפליקט, לויפענדיג איבער די בערג. די אַרומגער
דרעהטע וואָרצלען ארום דעם פעסגוען דוב זעהען אויס
ווי רצועות פון תפילין, דער בוים שטעהט פארטראכט
געגען הימעל, ער דאַווענט ביחידות...

פאַהרענדיג ווייטער האָבען מיר דערזעהן אַ הילצער־
נע, בויפעליגע פארם־הייזעל צווישען פעלזען. אַן אַלטער,
הויכער מאַן מיט אַ גרייז־גרויע לאַנגע באָרד ביז איבער
דער ברוסט, איז נאָכגעגאַנגען אַ באָרוועסער נאָך אַ
משונה־גרויסען אָקס, וואָס האָט זיך געפיטערט צווישען
די ווילדע קוסטען. דער אַלטער, באָרוועסער ריעז האָט
אויסגעזעהן ווי דער גייסט פון די בערג, אָדער ווי משיח,
וועלכער פיטערט דעם שור־הבר פאר די צדיקים לעתיד
לבא...

אונזער פוהרמאַן האָט אונז אָבער געזאָגט, אַז דער
אַלטער איז אַ פארמער, אַז ער איז געווען אַמאָל אַ זעל־

נער אין אַמעריקאַ'ס בירגער־קריעג און אַז ער קריגט אַ פּענסיע פון דער רעגיערונג און לעבט דאָ איינער אַליין ווי אַ נזיר.

— ער איז געווען אַ העלד דער אַלטער, האָט דער פוהרמאַן פאַרטגעזעצט, ער האָט עטליכע מעדאַלען פאַר בראַווקייט. נעבען דער דאָזיגער הייזעל ליעגען זיין ווייב און זיין טאָכטער,ביידע זיינען זיי געשטאָרבען אין איין טאָג. ער וויל דאָ אויך שטאַרבען.

מיר זיינען דערווייל אַלץ לאַנגזאַם און האַלב־זיכער געפאָהרען באַרג אַראָב, זיך דערנעהענטערענדיג צו פאַרקסוויל. דאָס אַרונטערפאָהרען איז געווען שווידער־רעגנד־ערהאַבען. פון ביידע זייטען וועג, טיעף, טיעף אַראָב אַזוי ווי אין אַ תהום, האָבען זיך אויסגעשפּרייט צויבערפולע לאַנדשאַפטען — מיט פּרעכטיגע הייזער, מיט פּעטע, פיין־קולטיווירטע פעלדער. דער וועג, אויף וועלכען עס קענען זיך קוים, קוים אויסקערעווען צוויי שמאָלע וועגענער, האָט געפיהרט דורך אימת מות. די טהאָלען פון ביידע זייטען האָבען געשווינדעלט פאַר די אויגען. די פערד האָבען אונז געפיהרט גלייך אין תהום אַריין, ווען זיי זאָלען זיך חלילה אַ גליטש טאָן, פאַלען מיר אַרונטער און ווערען צוריבען אויף שטויב.

מיר זיינען געפאָהרען דורך מדבריות, וואו די נאַטור איז נאָך אַזוי ווילד, יונג און ניי ווי זי וואָלט יעצט אַרויס פון בעשעפערס הענד. אָבער פון די טהאָלען האָט אַרויף־געשמייכעלט דער וואַכּענדער געניום פון מענשליכע אַר־בייט. די פעלדער זיינען געווען בעמייסטערט פון געאַיב־

טע הענד. מאנכע פון די שענע הייזער בעלאנגען צו אידען, דאס זיינען כשר'ע האטעלען. ווינטער האבען די איינגענטהימער אנדערע געשעפטען אין ניו יארק.

— אט די אלע פלעצער זיינען צום פערקויפען, האט דער אלטער פארמער בעמערקט.

— וואס איז דער מעהר, האב איך איהם געפרעגט, איז דאס לאנד שלעכט?

— חלילה, האט ער געענטפערט, — דאס זיינען אידישע פארמס, געקויפט געווארען בלויז פאר ספעקולאציע.

אויף א ווילע האבען זיך די טהאלען פערלארען פון אונזער בליק און מיר האבען דערזעהן א ווילדע שרעקענס־פולע וויזע. די שפיציגע, גרויע פעלזען, וואס האבען ארויסגעשטארט פון דר'ערד האבען אויסגעוויזען ווי הוילע, מענשליכע שארבענס. דער טהאל האט פארגעשטעלט מיט זיך דעם „עמק יהושפט", וואו עס וועלען אמאל גע'משפט ווערען די פעלקער... א ים מיט בוימער אלטע און יונגע זיינען געלעגען אויסגעצויגען אין פערשיעדענע ריכטונגען, פונקט ווי אן עולם וואלט געפאלען כורעים. איבער דיעזער וויזע איז אומגעפלויגען א זעלטענער פויגעל ארויסלאזענדיג אלע ווילע א הייזעריגען קרעכץ (ווי א בעל מוסף, וואס ענדיגט דאווענען נעילה...)

אבער אויך אט די סצענע זיינען מיר פארבייגעפאהרען און זיינען ענדליך, ענדליך געקומען אין פארקסוויל.

אויפ'ן וועג

(איינדריקע).

ווינטער אָדער זומער, מען פיהלט זיך ערפרישט ווען מען פערבייט די ענגע שטאָדט אויף דער פרייער נאַטור. הערליך זיינען די אָפענע פעלדער אפילו ווען זיי זיינען פערשנעעט. דער הוילער באַרג האָט מעהר צויבער ווי די געפּאַרבטע הויז מיט גאָלדענע שילדען.

שען איז צו זעהען ווי די קראָה טרייסעלט אָב די זילבערנע ברעקלאך פון איהרע שוואַרצע פליעגעל אויף אַ באָרהאַפטיגע ווערבע.

די נאַטור איז מאַיעסטעטיש אין איהר ווינטער־פּאַלאַסט ווי אין איהרע זומערדיגע לוסטגערטנער. אויף איהר ווייסען בעזילבערטען מאַנטעל שוועבט אַ הייליגע ערנסטקייט, פּונקט ווי אויף איהרע גרינע, פּלאַטערענדע בענדער שמייכעלט אַ זינגענדער חלום.

איך האָב אויף די פעלדער ניט שפּאַציערט. דער אייזערנער טרוים, וואָס הייסט „שנעל־צוג“ איז דאָס מיט מיר געפלויגען איבער בערג און טהאָלען, וועלדער, פעלדער, וואַסערען און לאַנקעס. נאָך באַלטימאָר האָט ער

מיך געטראָגען.

ווי אַ רוח האָט ער געשוועבט, דער מלאך הגואל־מלאך המות, דער שנעל־צוג. מיט אַ קרעכץ איז ער אַריבער אַ בריק, מיט אַ סאָפּ — אַדורכגערוישט אַ וואַלד. זומער וואָלט ער צושראָקען די סטאַדעס אויף דער פּאַשע, אַ בוהאַי וואָלט אויפגעשפּרונגען און געבריקעוועט איבער די בערג, די קאַלב וואָלט זיך אַרונטערגערוקט אונטער דער צושראָקענער מוטער, שוואַלבען וואָלטען פון זייערע נעסטען אנטלאָפען; יעצט אָבער האָט ער קיינעם ניט געשטערט.

קיין פליגעלע האָט פון אַ בוים ניט אַרויסגעפלאַטערט. אויסער מיין אייגען האַרץ האָט זיך קיינער ניט אויפגערעגט און אַ חוץ מיין פאַנטאַזיע האָט זיך קיינער איבער די בערג ניט געיאָגט. די טיעפע שטלקייט פון דער פערשלאָפענער נאַטור האָט מיך בעגייסטערט. אין די נעסטען פון מיין מח האָט דאָס אָנגעפאַנגען צו פּיפּצען: די פויגלאך האָבען זיך דאָרט ריהרען גענומען...

אין דער בלומענצייט וואָלטען זיי זיך אויפגעכאַפּט און אַרויסגעלאָפען אין דער וויטער נאַטור, יעצט אָבער האָבען זיי בלויז געשעפּצעט פון שלאָף, און האָבען זיך פּאַמעלאַך געטוליעט אין זייערע אייגענע פעדערען, אזוי ווי זיי וואָלטען זיך איבערגעקעהרט פון איין זייט אויף די אַנדערע.

געפלויגען איז דער מאַגישער פערד פון דער ציוויליזאַציע מיט אַ פייער, אָבער מיינע רעיונות זיינען אַ סך פלינקער געווען. איך בין געקומען נאָך באַלטימאָר אַ סך

פריהער ווי מיין שנעל־צוג. ווען דער קאָנדוקטאָר האָט נאָך ערשט אויסגעשריען „טרענטאָן!“ בין איך שוין לאַנג געזוען אויף אַן אָרט.

אָבער ניט בלויז פ א ר ו י ס זיינען מיינע געדאַנקען געפלויגען, נאָר אין אַ רגע האָבען זיי זיך געפונען דאָ, דאָרט און אומעטום. איך האָב געקוקט דורך דעם פענסטער פון מיין וואַגאָן אויף די שטילע, ניט־געשטערטע פאַרם־הייזער מיט זייערע שטאַלען, שאַיערען, שפּאַיכלערס און היהנער שטיבלאַך אַרום. אַ הימעלשער שלום און אַ הייליגע מנוחה איז געווען אויסגעגאָסען אויף זיי. מיט אַ בעל הבית׳ישע רוהיגקייט, מיט אַ הרחבה האָט זיך דער רויך געצויגען דורך די קוימענס פון די הייזער, פונקט ווי דער לאַנגזאַם ארויסגעפּאָפטער ליולקע־רויך פון אַ טערקישען פּאַשאַ, ווען ער רויכערט טרוימענדיג פון זיין געשטאָרבענע צוליימאַ...

דער רויך האָט זיך ניט געאיילט, ווייל אין קיך האָט זיך די גוטע פאַרמער פרוי ניט געאיילט און אין הויז האָט זיך דער פאַרמער ניט געאיילט. דער ווינטער איז פערזאָרגט. די גוטהערציגע פעלד, וועלכע ליעגט יעצט און שלאָפט, האָט בעצאָהלט דעם אַרבייטער פאַר זיין אַרבייט, און ער קען זיך נעהמען מעהר צייט צום לעבען. אַנצושעפּען קרעפטען פאַר דעם קומענדען פריהלינג.

און נעגאַנגען איז זיך דער רויך פריי וואו ער האָט געוואָלט, קיינער איז איהם אין וועג ניט געשטאַנען, ער האָט זיך געלייגט אין דער לייגג און אין דער ברייט און האָט זיך פערלאָרען אין דער שטומער גערוימקייט פון

הימעל און ערד, פערלארען מיט א ברכה; דאס האב איך איהם געבענשט...

גלייך אבער האט זיך מיין געדאנקען בליק אוועק־געפליעגעלט אין שטאדט צו דעם נערוועזען רויך פון דער פאבריק, וועלכער טראגט אין זיך דעם האוך פון פערוועלקטע הערצער און צו דעם פיבערהאפטען, קראנקען רויך פון דער טענעמענט הויז. איך האב אין די דאזיגע רויכען דערזעהען דעם אונגליקליכען לעבען פון דער ארעמער גאס.

אין דער טענעמענט הויז שטעהט די בלייכע ארבייטער פרוי און יאגט זיך מאכען דעם קארגען איבערבייסען צו דער צייט. דאס קינד וויינט, דער מאן איילט זיך, דער אייוועז רויכערט. זי בלאזט אריין איהר קורצען אטהעם אין דעם פייער ער זאל גיכער ברענען...

ביי דעם גיהנום־אויוען פון פאבריק שטעהט דער פערשוויצטער פייער־מאן און קארמעט די פלאמען מיט גאנצע טונען קוילען. דער רויך זעצט מיט א בראנד דורך דעם לאנגען קוימען וואס זעהט אויס ווי אן ארויס־געשטעקטע צונג געגען הימעל...

זיי טראגען זיך אט די דאזיגע רויכען אין דער לופטען. ווי געשפענסטער שפרייטען זיי זיך איבער דער וועלט און זיי פערשווינדען מיט א פלוך; מיין נשמה פערשילט זיי.

אזוי לויפט דער שנעל־צוג און עס לויפען די רעיונות איבער מענשען און זאכען און אידעען און נים ווילענדיג

שלאָגען זיי זיך אָב אָן די גרויסע אַנאַנסען, וואָס ציהען זיך, מיט קאַרגע אונטערברעכונגען, דעם גאַנצען וועג פון ניו־יאָרק ביז באַלטימאָר. די אַנאַנסען זיינען פערשיעדע־נע און אויף פערשיעדענע ערטער און אָרטען זיינען זיי אויפגעשריבען, אויף פלאַנקענס, אויף גרויסע ברעטער, אויף בוימער, אויף שטיינער, אויף פאַרם־הייזער און פאַרמער שטאַלען.

די אַנאַנסען זיינען געמאַכט פאַר די אייזען באַהן־פאָהרער. די פּאַסאַזשירען זאָלען קוקען דורך די פענסטער און לעזען. און מען קען ניט לייקענען אַז אַנאַנסע אין פרייען פעלד לאָקט מעהר אָן ווי אַ אויסגעהאַנגענער שילד אין שטאָדט. דאָס אויג קוקט אין דער פרייער וועלט אריין, די בליקען שלינגען מיט אַ זשעדנעקייט יעדער בוים און יעדער בערגעל, מיט איינמאַל ערשיינט אַן אַנאַנסע פון לעבער פילען, נירען פּראָשקעס, ציראָפּ פאַר אויסגעקראָכענע האָר און סגולות פאַר שלעכטע מאָגענס א. ז. וו. רפואות פאַר קינדער, פאַר ווייבער און פאַר מע־נער און מערקווירדיג, אָט די אַלע זאַבעבאָנעס זיינען נאָר גוט פאַר שטאָדט לייט... דער פאַרמער, אויף וועמעס פלאַנקען אָדער שטאַל דאָס איז אויפגעשריעבען, דאַרף דאָס פונקט ווי דער פלאַנקען, אָדער דער שטאַל.

דער מענש וואָס בעוועגט זיך שטענדיג אין דער פרייער לופט, ביי געזונדע אַרבייט דאַרף ניט קיין מאָגען־פולווער, און קיין מערידען־זאַלב. זיין געדערים־פאַבריק אַרבייט רעגעלמעסיג, זיינע לונגען שעפּפען דעם פרישען ריח פון די פעלדער און זיינע צייהן ווערען ניט קאַליע

פון געקינסטעלטע שפייזען. זיינע מאכלים זיינען געזונדע, זיין וואסער איז ריין, זיין מילך קאנקורירט ניט מיט'ן ברונים, זיין פוטער איז ניט קיין פאראדי אויף חלב און זיינע קעז איז ניט געמישט מיט קרייד. זיין שפייז און זיין געטראנק זיינען נאטירליך, זיין ארבייט — מענש־ליך, און זיין שלאף — זיס.

פאר אונז אנאנסירט מען דאס אט די אלע פאטענט רעצעפטען, פאר אונז אבטרעניגע פון דער נאטור. דער אקס און דער פערד און דער פארמער דארפען דאס ניט. געזונד און קרעפטיג איז דער וואלד, זיינע בוימער וואק־סען, דער דוב קריעגט ניט קיין לעבער־קראנקהייט, דער בארג — קיין דיספעפסי; די קרעניצע — קיין קאיך־הוסט, און געזונד איז דער מענש, וואס חבר'ט זיך מיט זיי .אויף אן ארט זיצט ער, דער מענש, דער נאטירליכער מענש, אויף אן ארט, גלייך ווי דער דוב און דער בארג, און דער טייך.

איין שנעל־צוג לויפט נאך באלטימאר און וואשינגטאן, און א צווייטער — צוריק נאך ניו יארק און פון ניו יארק אין טויזענד אנדערע שטעדט און שטעדטלעך און דער־פער. פאהרענדיג שלאפט ער, שלאפענדיג עסט ער, עסענ־דיג לעזט ער און לעזענדיג ווערט ער אויפגערעגט דער האבון, דער שטאדט־מענש, דער מענש פון שטאדט, דער אפיקורס פון אמת'ן לעבען, דער חכם, וואס זוכט א גאט אויסער דער נאטור און זינגט הללויה'ס צו א פאלשער ציוויליזאציע; דער רענעגאט, וואס פערלאנגט א תקומה

אין דעם לאַגער פון זיינע פיזישע און גייסטיגע שונאים: די פאַבריק, די באַנק, די קראָם, דער פעדלער מאַרק און די מוזיק האַל...

„באַלטימאָר!... באַלטימאָר!"

איך האָב גענומען מיין פעקעל און בין אַוועק אין שטאָדט...

קאטאלאג
פון די
אינטערנאַציאָנאַלע ביבליאָטהעק

פרייז

פיליפ קראַנץ, קולטור געשיכטע, 3 בענדער, געבונדען,
יעדער באַנד .... .75

" " פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן, געבונדען 1.00

" " אַמעריקאַ פאר קאָלומבוס, געבונדען ...... .50

" " יציאת מצרים, פאַפּיער .... .15

" " וואָס הייסט נאַציאָן .... .10

לעבענס־בעשרייבונגען פון בעריהמטע מענער.
אַ זאַמלונג פון ביאָגראַפיעס פון די גרעסטע דענקער,
פּאָעטען און שריפטשטעלער פון דער אַלטער און נייער
צייט, אין 3 בענדער, געבונדען, יעדער 1.25

מאָריס ראָזענפעלד, שריפטען, 1טער סעט, באַנד 1, געבונדען 1.00

" " " " " 2 " 1.00

" " " " " 3 " 1.00

" " נייע שריפטען 2טער סעט, באַנד 4, געבונדען 1.25

" " " " " " 5 " 1.25

" " " " " " 6 " 1.25

	פרייז
ד. פינסקי, ערצעהלונגען, 2 בענדער, געבונדען, יעדער באַנד	.75
" אייזיק שעפטעל, דראמא	.15
דר. קאספע, מעכאַניקע	.10
" " כעמיע	.15
" " אַסטראָנאָמיע	.15
יהואש, געזאַמעלטע ליעדער, געבונדען	1.00
י. גאָרדין, ערצעהלונגען, געבונדען	.75
" " סאפפהא	.25
" " גאָט, מענש און טייפעל	.25
" " אלישע בן אבויה	.15
" " דער אונבעקאַנטער	.20
" " די אמת'ע קראַפט	.20
מאקסים גאָרקי, ערצעהלונגען	.15
" " אינטערוויוס	.15
ליעוו טאָלסטאָי, איינציגער מיטעל	.5
" " פאַטריאָטיזמוס און רעגירונג	.5
" " צום ארבייטער פאָלק	.15
דר. ח. זשיטלאָווסקי, דער סאָציאַליזם און די נאַציאָנאַלע פראַגע	.40
ז. ליבין, געקליבענע סקיצען, געבונדען	.75
מ. באראנאָוו, דער מענש און די נאַטור	.10
לעאָפּ. קאמפף, פאַר'ן שטורם, דראמא	.20
הענריק איבסען, די גייסטער "	.20
„קניאז פאטיאמקין"	.20
דר. ש. פעסקין, סטרייקס	.5

פרייז

דזשאהן סטוארט מילל, פרייהייט, איבערזעצט אויס דעם ענגלישען אָריגינאַל מיט אַ ביאָגראַפיע פון פערפאַ־ סער, פון דר. י. א. מעריסאָן, מיט אַן הקדמה פון דר. ח. זשיטלאָווסקי, געבונדען .... 75.

דר. פאול עלטצבאכער, דער אַנאַרכיזם, איבערזעצט פון דר. י. א. מעריסאָן, געבונדען 1.00

מיכל קאפלאן, גהעטא־קלאַנגען .... 25.

פאלגענדע ווערק ווערען פערפערטיגט צום דרוק:

* פאלשטענדיגע אויסגאבע פון י. ל. פרץ'ס שריפטען
דר. ח. זשיטלאווסקי'ס שריפטען
ליעסינ'ס געזאמעלטע ליעדער
יודישע פאלקס־ליעדער געזאמעלט פון י. ל. כהן
דער מטורף, דראמא אין 4 אקטען, פון יעקב גארדין
ל. טאלסטאי'ס די שקלאפעריי פון אונזער צייט
„ „ דער סוף פון דער הייגטיגער וועלט
„ „ די אויפשטעלונג פון גיהנם
„ „ וועגען דער געזעלשאפטליכער בעוועגונג אין רוסלאנד
„ „ תחית המתים
חיינעס געדיכטע, איבערזעצט פון ד. פינסקי
געקליעבענע ערצעהלונגען פון גיואי דע מאפאסאן, איבערזעצט פון י. ענטין

אדרעסירען:

The International Library Pub. Co.
102 & 104 W. 38th ST.
NEW YORK.